Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT פרייז 20 גראָשען

היינט 8 זייטען.

נייער פאָלקסבלאַט

אומפּאַרטייאישע פּאָליטיש-געזעלשאַפטליכע טאָג-צייטונג

Nr. 235/1530 | Łódź, Sroda 10, października 1928 r. | זעקסטער יאָהרגאַנג | לאָדז, מיטוואָך, כו תשרי תרפ"ט | Nr. 235/1530

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 24-71. | אַדרעס פון רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: לאָדז, פּעטריקאָווער 21, טעל. 24-71

סכנה פון אַ גענעראַל=שטרייק.

קלאַסען=פעראיין רופט אַ בעראַטונג וועגען פראָקלאַמירען אַן'אַלגעמיינעם שטרייק אין לאָדזער קרייז. — טראַמוואַי-געזעלשאַפט בעשטימט אַ הוספה פון 6 פּראָצענט.

בעריכטען פון די אונטערהאַנדלונגען אין וואַרשא.

נעכטען זענען אין אַלע פראָפ. פעראיינען פאָרגעקומען זיצונגען פון די אויספיהרער־קאָמיטעטען און פאַבריקס־רעלעגאַטען. אויף די זיצונגען איז בעהאַנדעלט געוואָרען דער פאָרשלאַג פון דעם אַרבייטס מיניסטער וועגען פינף פּראָצענט הוספה.

אַרום צעהן אַ זייגער אינדערפריה איז אין לאָקאַל פון די קריסטליכע פעראיינען בעהאַנדעלט געוואָרען און נעגאַטיוו אַרורכריסקוטירט געוואָרען דער פאָרשלאַג פון אַרבייטס־מיניסטעריום. די מעהרהייט פון די פערזאַמעלטע רעלעגאַטען האָבען זיך אַרויסגעזאָגט פאַר'ן ווייטערדיגען פיהרען די אַקציע, זיי האַלטען, אַז דער פאָרשלאַג פונ'ם אַרבייטס־מיניסטער איז נישט אָננעהמבאַר.

(2) דער לייטער פונ'ם פעראיין ה' מרוק האָט אין זיין בעריכט וועגען דער קאָנפערענץ אין וואַרשאַ דערצעהלט, אַז די אינדוסטריעלער אַליין האָבען זיך אַרויסגערערט און בעוויזען, אַז דאָס יאָהר 1927 איז געווען אַן'איבערבּרוך אין דער נאָך־מלחמה־אינדוסטרי, און אין דעם יאָהר איז פערנאָטירט געוואָרען אַן'עקספּאָרט אויף דרייסיג מיליאָן זלאָטים; אין פערגלייך מיט די פאָריגע יאָהרען — 66 פּראָצענט פערבעסערונג. עס איז אַ בעוויז, אַז די אַרבייטער האָבען אַריינגעלעגט זייערע גאַנצע כוחות און די אינדוסטרי געשטעלט אויף דער נעהעריגער הויך, די פאַבריקאַנטען האָבען דערפון געצויגען נישט ווייניג רוחים, און דאָך פערשטעהען זיי נישט צו שעצען די פערדינסטען פון די אַרבייטער און לאָזען זיי מיט זייערע פאַמיליעס הונגערען און האָבען צוגעפיהרט צו דער אַקציע. די אַקציע דאַרף געפיהרט ווערען נישט נאָר ביז עס וועלען דערגרייכט ווערען די 20 פּראָצענט נאָר אויך די אַלע פאָדערונגען וועגען די פאַבריקס־דעלעגאַטען, וועגען בעצאָהלען פאַר די שטעה־שעה'ן, וועגען בעצאָהלען פאַר אַרבייטען אויף עטליכע מאַשינען א. ד. גל.

ראָלע פון די מייסטערס.

בעת דער דיסקוסיע האָט זיך אויך אַרויסגעוויזען, אַז דעם שטרייק שטערען זעהר פיל די פאַבריקס־מייסטערס און די פּראַקטיקאַנטען, וועלכע נעהמען אַרויס די סחורות פון די זויערשטאָפּען. די פאַבריקאַנטען וואָלטען געווען נאָכגיביגער, ווען זיי ווייסען, אַז די סחורות וועלכע זענען געבליבען ליגען אין די זויער שטאָפען צוליב דעם, וואָס דער שטרייק האָט אויסגעבראָכען אונערוואַרטעט, ווערען אַ תל. די פאַבריקס־מייסטערס און ד פּראַקטיקאַנטען ראַטעווען אָבער די סיטואַציע לטובת די פאַבריקאַנטען.

צום סוף איז בעשלאָסען געוואָרען דעם שטרייק צו פערשאַרפען. אַראָפּנעהמען פון דער אַרבייט די מאַשיניסטען, פאָרטיערען, הייצערס און אויך אונטערנעהמען ענטשפּרעכענדע שריט אַז די מייסטערס זאָלען נישט אַרויסנעהמען די סחורות פון די זויערשטאָפען.

עס איז אויך בעשלאָסען געוואָרען צוזאַמענצורופען קיין לאָדז פערשטעהער פון אַלע אָפּטיילונגען, פון די פעראיינען אין דער מלוכה, כדי זיך צו בעראַטען וועגען ווייטערע שריט אין דער אַקציע.

דעלעגאַטען=פערזאַמלונג פון קלאַסען=פעראיין.

(2) אויף 2 אַ זייגער בייטאָג איז בעשטימט געווען די פערזאַמלונג פון די פאַבריקס־דעלעגאַטען צוליב דעם, וואָס אויף דער פערזאַמלונג האָט געדאַרפט בעהאַנדעלט ווערען די וויכטיגע פראַגע וועגען אופן פונ'ם ווייטערען פיהרען דעם שטרייק, האָט די שטרייק־קאָמיסיע בעשלאָסען אַריינצולאָזען אין זאַל אַריין אַ חוץ די דעלעגאַטען אויך מיטגלידער פונ'ם פעראיין, אָבער אָהן שטים־רעכט. אין מאָמענט ווען אויף דער טריבונע האָט זיך בעוויזען דער לייטער פונ'ם פעראיין, ה' וואַלטשאַק און געוואָלט אָפּגעבען אַ בעריכט וועגען אויסגאַנג פון דער קאָנפערענץ אין וואַרשאַ, האָבען זיך אין זאַל בעוויזען די קאָמוניסטישע רעפּוטאַטען ביטנער און ראָשיאַק.

אינצידענט צוליב דעפּ. ביטנער.

זייער אָנוועזענהייט אין זאַל האָט אַרויסגערופען אַ טומעל, דער גרעסטער טייל אָנוועזענדע האָבען אָנגעהויבען פאָדערן, אַז מען זאָל ביטנער'ן בעזייטיגען פונ'ם זאַל, ווייל ער איז נישט קיין מיטגליד פון דעם פעראיין, און ער האָט קיין שייכות נישט מיט דער טעקסטיל־אַקציע. אַ סך אָבער פון די אָנוועזענדע האָבען געפאָדערט, אַז מען זאָל ביטנער'ן לאָזען אין זאַל. עס איז ענטשטאַנען אַ שרעקליכער טומעל; כדי צו מאַכען אַ סוף דערצו האָט ה' וואַלטשאַק גענומען אַ וואָרט אין דער פראַגע, און ערקלערט, אַז מיט אַ מינוט צוריק האָט זיך אין לאָקאַל געמעלדען דעפּ. קאָוואַלסקי און געוואָלט בייוואוינען די פערזאַמלונג. מען האָט איהם אָפּגעזאָגט כאָטש רעפּוטאַט קאָוואַלסקי איז דער פאָרזיצער פונ'ם פעראיין פון אָנגעשטעלטע אין עפענטליכע אינסטיטוציעס, ער וואָלט געקענט זיין זעהר נוצליך, מיט זיינע אָנווייזונגען ביים פערשאַרפען שטרייק. עס איז אויך וויכטיג, אַז די אָנגעשטעלטע אין עפענטליכע אינסטיטוציעס זאָלען זיין מיט די שטרייקענדע. קאָוואַלסקי'ן האָט מען אָבער אויך אין זאַל נישט אַריינגעלאָזט.

וועהענדיג, אַז ער פערהאַלט די בעראַטונג האָט רעפּוטאַט ביטנער אַליין פערלאָזט דעם זאַל. דער עולם האָט זיך בערוהיגט און די בעראַטונג האָט זיך אָנגעהויבען. עס איז אָנגענומען געוואָרען פאָלגענדע

רעזאָלוציע.

1) די פאָרגעשלאָגענע פינף פּראָצענט־הוספה איז אַ צו נידריגע און נלייכט, אויף קיין אופן נישט אויס די הונגער־פערדינסטען פון די טעקסטיל־אַרבייטער אין פערגלייך מיט די רעאַלע פאַר־מלחמה'דיגע פערדינסטען און 2) די ערקלערונג פון דער רעגירונג וועגען די אַנדערע פאָדערונגען: ווי אָנערקענונג פון די רעלעגאַטען, בעצאָהלען פאַר די שטעה־שעה'ן, בעצאָהלען פאַר אַרבייטען אויף אַ מעהרער־צאָהל שטולען א. ד. גל., מיט קיין שום קאָנקרעטען ענטפער און קיין גאַראַנטיע נישט, אַז ד יפאָדערונגען וועלען נאָכגעגעבען ווערען.

דער אויספיהרער־קאָמיטעט פונ'ם פעראיין און ד יפאַבריקס־רעלעגאַטען פעראורטיילען די קאָמפּראָמיסלאָזע שטעלונג פון די קאַפּיטאַליסטען און רופען די ברייטע מאַסע טעקסטיל־אַרבייטער ווייטער צו פיהרען דעם שטרייק און פערשאַרפען די אַקציע, ד.ה. אַראָפּנעהמען פון דער אַרבייט די וועכטער, פאָרטיערען, הייצערס, מאַשיניסטען א. אַ. וו.

צוליב דער וויכטינקייט פאַר דער אַלגעמיינער אַרבייטער־מאַסע, אַז דער נצחון זאָל זיין אויף דער זייט פון די טעקסטיל־אַרבייטער, איז בעשלאָסען געוואָרען צו ווענדען זיך צו די פערוואַלטונגען פון אַלע פּראָפעסיאָנעלע קלאַסען־פעראיינען און זיי רופען אויף אַ בעראַטונג וועגען פּראָקלאַמירען אַן'אַלגעמיינעם שטרייק אויפ'ן שטח פון לאָדזער קרייז.

פונאַנדערגעטריבען קאָמוניסטען.

אין דער צייט, ווען אין זאַל איז פאָרגעקומען די פערזאַמלונג האָט רעפּוטאַט ביטנער אויף דער גאַס, אויף רוג סקווערנאַ און נאַרוטאָוויטשאַ געזאַמעלט אַרום זיך די אַרבייטער, וועלכע האָבען געוואַרט אין דרויסען אויפ'ן אויסגאַנג פון דער בעראַטונג אין זאַל. רעפּוטאַט ביטנער האָט גערופען די פערזאַמעלטע צו אויסהאַלטען אין קאַמף, פערשאַרפען די אַקציע א.אַ.וו.

וועגען דעם מיטינג מיט דעפּ. ביטנער האָט מען מודיע געווען דער פּאָליציי. אין עטליכע מינוט אַרום איז דער מיטינג אונטערן פרייען הימעל צוטריבען געוואָרען.

רעפּוטאַט ביטנער האָט געפּרובט נאָך מאַכען עטליכע פערזאַמלונגען אין פערשידענע אַנדערע עקען שטאָדט, די פּאָליציי האָט אָבער אויך די אַנדערע פערזאַמלונגען געשטערט.

וואָס זאָגען די אינדוסטריעלער.

(—) אין אַן'אינטערוויאו האָט דער פאָרשטעהער פון די אינדוסטריעלער אינזשיניער ה' רומפעל נאָך דער קאָנפערענץ אין וואַרשאָ ערקלערט, אַז ד יאינדוסטריעלער זענען געווען ענטשלאָסען קיין הוספה נישט צו געבען, נאָר צוליב דעם פאָרשלאַג פונ'ם אַרבייטס־מיניסטער וועלכער האָט בעטאָנט, אַז ער בעט אין נאָמען פון דער רעגירונג דעם ענין צו ערלעדיגען, האָט מען גענומען די פראַגע צו ריסקוסיע.

ווי עס וועלען זיך דערצו בעציהען די אינדוסטריעלער, איז נאָך נישט בעוואוסט. יעדענפאַלס איז דער שטרייק פאַר די אינדוסטריעלער נישט געוואונשען, עס ברענגט זיי פיל היזקות. עס וואָלט געווען טרויעריג, ווען דער שטרייק זאָל לענגער דויערען.

פּרעז. זשעמיענצקי ביים פּרעמיער באַרטעל.

(—) נעכטען פאַרמיטאָג האָט פּרעמיער באַרטעל אָנגענומען דעם פּרעזידענט זשעמיענצקי. אויף דער קאָנפערענץ איז בעהאַנדעלט געוואָרען די סיטואַציע אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן שטרייק אין לאָדז.

טראַמוואַי=אַרבייטער ווערט פאָרגע=לעגט 6 פּראָצענט הוספה.

(2) נעכטען איז פאָרגעקומען אַ זיצונג פון דעם אויפזיכטס־ראַט פון דער טראַמוואַי־געזעלשאַפט וועגען דער הוספה־פאָדערונג פון די טראַמוואַי־אַרבייטער, וועלכע האָבען בשעתו געפאָדערט 25 פּראָצענט, ראַן רעזיגנירט פון דער פאָדערונג און נישט לאַנג זי ווידער בעגייט.

איינינע מיטגלידער פון ראַט האָבען פאָרגעלעגט צו געבען די אַרבייטער דיזעלבע הוספה וואָס עס וועלען בעקומען די טעקסטיל־אַרבייטער. נעגען דעם זענען אַרויסגעטראָטען די פאָרשטעהער פון מאַגיסטראַט, אָנווייזענדיג, אַז די אינדוסטריעלער גיבען דערווייל נאָרנישט, וואַהרשיינליך וועלען זיי געבען אַ הוספה פון 5 פּראָצענט און דאָס איז פאַר ד יטראַמוואַי־אַרבייטער צו ווענינ.

די ראַט־מיטגלידער, אָהן אַ פאָרשטעהער פון מאַגיסטראַט זענען ראַן אַוועק אויף אַ בעראַטונג און האָבען דערנאָך ערקלערט, אַז זיי זענען מסכים צו געבען אַ הוספה פון 6 פּראָצענט און אַ גראַטיפיקאַציע אין דער הויך פון 10־טאָגיגער לוין, די פאָרשטעהער פון מאַגיסטראַט האָבען אַרויסגעזאָגט זייער ספקות, צו די אַרבייטער וועלען די הוספה אָננעהמען און האָבען פאָרגעלעגט אין דעם פאַל צ ופיהרען ווייטערדיגע אונטערהאַנדלונגען. דער ראָזינער פאָרשלאַג איז אָפּגעוואָרפען געוואָרען און דערמיט האָט זיך די בעראַטונג געענדיגט.

Dr. H. WOŁKOWYSKI

צוריקגעקעהרט

— און איבערגעצויגען אויף —

צעגעלניאַנאַ 25, טעל. 26-87

ספּעציעל אַרצט פאַר הויט און ווענערישע קראַנקהייטען, מענער־שוואַכע, אַלע אַרט אַנאַליזען, בעהאַנדלונג מיט קוואַרץ־שטראַהלען.

נעמט אָן פון 8—10 פריה, 12—2 נ.מ. און פון 4—8 אָוו.

נאָך קורצע און שווערע ליידען איז געשטאָרבען אין בערלין אין בליהענדען עלטער פון 32 יאָהר מ'ין ליבער מאַן, אונזער טייערער פאָטער, זוהן, ברודער, אָנקעל, איידעם און שוואָגער

ג.ע. משה בן ר' יוסף בונם נ"י זשיטניצקי

וועגען דער לויה וועט בעזונדערס מיטגעטיילט ווערען.

די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע.

רעגירונג בעטראַכט דעם בודזשעט

אריינגעטראָגען אין סיים אַ רייה געזעץ-פּראָיעקטען.

וואַרשאַ, 9. (טעלעפאָניש פון אונזער קאָרעספאָנדענט). אונטערן פאָרזיץ פון פרעמיער באַרטעל האָט זיך היינט אָנגעהויבן די זיצונג פון קאַבינעט-ראַט מיט'ן אַנטייל פון אַלע מיניסטאָרען. די זיצונג דאַרף פעסטשטעלען ענטגילטיג דעם אַלגעמיינעם בודזשעט-סכום און די ציפערן פון די בעזונדערע רעסאָרטען.

די סומע פון די הכנסות אין בודזשעט איז בעשטימט אויף 2 מיליאַרד 809 מיליאָן זל., די הוצאות — 2 מיליאַרד 656 מיליאָן זל., דערונטער 145 מיליאָן אויף הוספות פאַר די בעאַמטע.

וואַרשאַ, 9. (טעלעפאָניש). די רעגירונג האָט שוין אַריינגעטראָגען אין סיים אַ גאַנצע רייה געזעץ-פּראָיעקטען, צוו. אַ.ר. וועגן ראַטיפיצירען פערשידענע אינטערנאַציאָנאַלע אָפּמאַכען.

מאַסען-פערגיפטונג מיט טיפוס-באַצילען.

בערלין, 9. (ספּ.טעל.) פון דרעזדען מעלדעט מען וועגען אַן'אָפּערע פון מאַסען-פערגיפטונגען, וועלכע איז פאָרגעקומען אין פערלויף פון די לעצטע פינף טעג.

ווי ס'איז פעסטגעשטעלט געוואָרען זענען 37 פּערזאָן פלוצלונג קראַנק געוואָרען אויף טיפוס. די דורכגעפירהרטע אויספאָרשונג האָט פעסטגעשטעלט אַז די אלע 37 פּערזאָן האָבען פאַר דער ערקראַנקונג גענעסען מיטאָג אין איינעם פון די בעסטע דרעזדענער רעסטאָראַנען.

ס'האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז די טיפוס-באַקצילען האָבען זיך גענומען פון דעם קוכער-געהילף פון רעסטאָראַן, וועלכער איז געווען אָנגעשטעקט מיט טיפוס.

בעלגישע סאָציאַליסטען אָרגאַניזירען קורסען פאַר העברעאיש

בריסעל, (ט.א.) ביי דעם פאָלקס-אוניווערסיטעט פון דער בעלגישער אַרבייטער-פּאַרטיי איז אַנטוועפּען זענען אין אָנהויב פון נייעם לערן-יאָהר איינגעפירהרט געוואָרען קורסען פאַר נייהעברעאיש. דער אונטערריכט ווערט געגעבען דורך דער ארץ-ישראל-לעהרערין פּרל. בערגמאַן און ווערט בעזוכט דורך אַ גרעסערע צאָהל צוהערער.

אוקראַינישע-רעגירונג דרוקט א ווערטערבוך וואו „יוד" ווערט נאָך אַלץ פערטייטשט „זשיד".

מאָסקווא, (י.ט.א.) אין דעם נייעסטען אוקראַינער ווערטערבוך, וואָס איז ערשט נישט לאַנג ערשינען איז דער וואָרט „יוד" פערטייטשט אויף דעם אַלטען שטייגער אַלס „זשיד". דער ווערטערבוך איז רעדאַגירט דורך אַ קאָמיסיע פון מלוכה'שע עקספּערטען.

אין קאָמוניסטישען צענטראַל-אָרגאַן „פּראַוודאַ" איז ערשינען אַ בייסענדע אַטאַקע אויף די, וואָס זענען פעראַנטוואָרטליך פאַר דער דאָזיגער פערטייטשונג.

אַ טייל פון פּלאַץ ביים כותל מערבי געהערט צו מאַראָקאַנער יודען.

ירושלים, 9 (יט"אַ טעלעגראַפיש). דאָ איז ענטדעקט געוואָרען, אַז דער סולטאַן פון מאַראָקאָ, וואָס האָט בשעתו אָבגעקויפט דעם פּלאַץ אַרום כותל מערבי, האָט איהם שפּעטער פערשריבען דער מאַראָקאַנישער געמיינדע אין ירושלים.

די מאַראָקאַנער יודען האָבען זיך איצט געווענדעט אין געריכט מיט אַ פאָדערונג, זיי אָבצוגעבען אַלס אַ טייל פון דער מאַראָקאַנישער געמיינדע אין ירושלים, אַ טייל פון פּלאַץ. דעם פּראָצעס פיהרט אַ בעקאַנטער אַראַבישער אַדוואָקאַט.

באַהן-קאַטאַסטראָפע אין רומעניען

בוקאַרעשט, 9 (ספּ. טעל.) אויף דער ליניע איליע ראַדו איז פאָרגעקומען אַ צוזאַמענשטויס צווישען צוויי צוגען. דריי פּערזאָן זענען דער'הרגעט, 20 פערוואונדעט.

שווערע לופט-קאַטאַסטראָפע.

ניו-יאָרק, 9. (ספּ.טעל.) בעת אַן'עראָפּלאַן איז אַריבערגעפלויגען העם ווענ צווישען רעטראָיט און דענווער איז פאָרגעקומען אַ שרעקליכע קאַטאַסטראָפע, פון וועלכער ס'זענען אומגעקומען אַכט פּערזאָן.

יודישע אַרבייטער אין דער פּאָרט-בוי איז חיפה.

ירושלים, 9. (טעלעגראַפיש דורך יט"א) דער שטעלפערטרעטער פון נציב-העליון לוק האָט אויפגענומען אַ דעלעגאַציע פון „הסתדרות". די דעלעגאַציע האָט דעפערירט די פראַגע וועגען צונעהמען יודישע אַרבייטער ביים בויען דעם פּאָרט אין חיפה.

ה' לוק האָט געענטפערט, אַז קיין אויסלענדישע אַרבייטער וועלען נישט אַרבייטען, קיין מינימום-לוינען וועלען אויך נישט פעסטגעשטעלט ווערען, נאָר די לוינען וועלען זיין דורכשניטליך ווי אין גאַנצען לאַנד. וואָס שייך דער פאָדערונג, אַז ביי די בוי-אַרבייטען זאָלען זיי בעשעפטיגען פופציג פּראָצענט יודען פון אַלע אַרבייטער, האָט ה' לוק געענטפערט, אַז אַזאַ פאָרשלאַג קען ער נישט אַקצעפּטירען, די פּראָפּאָרץ פון די יודישע אַרבייטער צו די אַראַבישע וועט זיין אָפּהענגיג פון די בעדינגונגען פון לאַנד.

ירושלים, 9. טעלעגראַפיש דורך יט"א). די ציוניסטישע עקזעקוטיווע האָט פערעפענטליכט אַ קאָמוניקאַט, אַז אַ דאַנק דער אינטערווענץ-אַקציע וועגען די יודישע אַרבייטער ביים בויען דעם פּאָרט אין חיפה, האָט דאָס קאָלאָניען-מיניסטעריום זיך געווענדעט צו דער עקזעקוטיווע, אַז זי זאָל צושטעלען אַ נייעם מעמאָראַל וועגען די יודישע פּאָסטולאַטען.

רומענישער מיניסטער דוקאַ דריקט אויס ווידער זיין אינטערעס און סימפּאַטיעס פאַר'ן ציוניזם.

בוקאַרעשט. (י.ט.א.) דר. יהודה ווילענסקי, וועלכער פיהרט אָן דאָס יאָהר מיט דער „קרן-היסוד"-אַקציע אין טראַנסילוואַניען, האָט געווײלט אַ פּאָר טעג אין בוקאַרעשט און איז אויפגענומען געוואָרען דורכ'ן אינערן-מיניסטער דוקאַ.

מיניסטער דוקאַ האָט געהאַט מיט ד"ר ווילענסקי אַ לענגערן געשפּרעך אין וועלכען ער האָט זיך שטאַרק אינטערעסירט מיט דער איצטיגער לאַגע אין ארץ-ישראל. דער מיניסטער האָט ביי דער געלעגענהייט ווידער אויסגעדריקט אין זיין נאָמען און אין נאָמען פון דער רעגירונג סימפּאַטיעס און אינטערעס פאַר'ן ציוניזם.

מיניסטער דוקאַ האָט אַרויסגעשיקט אַ צירקולאַר צו די אַדמיניסטראַטיווע אָרגאַנען אין טראַנסילוואַניען, דאָס זיי זאָלען צוהעלפען דר. ווילענסקי אין זיין אַקציע.

Dr. med. St. Heinrich
POMORSKA 10, TEL. 47-67
ספּעצ. פון אינערליכע און קינדער-קראַנקהייטען
בעהאַנדלונג מיט קוואַרץ-לאַמפּען-שטראַהלען
צוריקגעקעהרט
נעהמט אָן פון 1-3 נאָכמ. און פון 5-7 אָווענד.

Dr. med. B. ROBINZON
אינערליכע און קינדער-קראַנקהייטען.
וואוינט יעצט
פּיעטריקאָווער 10, טעלעפאָן 31 86.
נעהמט אָן פון 8-9½ פריה און פון 3½-4½ נאָכמ.

Dr. med. H. Lubicz
צעגעלניאַנאַ 43, טעל. 32-41
ספּעציאַליסט פאַר הויט, ווענערישע און מענער-שוועכע קראַנקהייטען. מיט הייענס-קוואַרץ-לאַמפּען (האָר-אויספאַל)
צוריקגעקעהרט
נעהמט אָן פון 8-10 און פון 5-8 אָווענד.

קאָמוניקאַט.
דערמיט טיילען מיר מיט די געעהרטע קונדשאַפט, פוטער סוחרים, מאַגאַזינערען, שניידער און אַנדערע, אַז צוליב
די הויכע לוין-פאָדערונגען פון די אַרבייטער
איז אויסגעבראָכן אַ שטרייק
אין דער גאַנצער קירזשנער-בראַנזשע אין לאָדז
פון מאָנטאַג, דעם 8-טען אָקטאָבער אָן.
די פערוואַלטונגען
פון די קירזשנער-מייסטער-פעראיינען
אָגראָדאָוואַ 9 און פּאָלודניאָוואַ 4.

די אייזען-בראַנזשע-סעקציע
ביים צענטראַלען סוחרים- און פאַבריקאַנטען-פערבאַנד
אויף דער לאָדזער וואָיעוואָדזטוואָ, פּיעטריקאָווער 10.
וויכטיג פאַר אייזען-סוחרים!
זעמטליכע אייזען- און בלעך-סוחרים, וועלכע פיהלען זיך בעעולה'ט פון דעם געשעפטנעם
אייזען-קאָנסאָרציום אין לאָדז
קענען זיך מעלדען אין קאַנצעלאַריע פון פערבאַנד פון 7 ביז 8 אָווענד.
די אייזען-בראַנזשע-סעקציע.
בעמערקונג: מיר בעטען די פּראָווינץ-סוחרים מיט אונז זיך צו פערשטענדיגען.

8-וונג. שטריקער-אַרבייטער, לאָדז
דערמיט מעלדען מיר אַלע חברים, שטריקער-אַרבייטער, אַז צוליב דעם, וואָס דער פאַבריקס-אייגענטימער
ה' מילעכמאַן און פרוי
האָבען אונז בעליידיגט מיט אונערהערטע מגונה'דיגע גאַסען-ווערטער און אויך דערביי אַרויסגעהאָנגען אַ קינדיגונג בעת דער הויך-קאָניונקטור אָהן שום מאָטיוען, האָבען מיר דעריבער פערשטרייקט ביז אַלעס וועט צוריקגעצויגען ווערען דורך די אונטערנעהמער.
די אַרבייטער
און דעלעגאַט פרידמאַן
פון דער סוועטער-פאַבריק
מילעכמאַן און סאַלניק, אָגראָדאָוואַ 7/9.

דאַמען-שניידער-געזעלען
אויף האַנדנייהער (ינס)
קאָנען זיך מעלדען ביי
ברייטשטיין, ציגעל גאַס 12.

Dr. med.
E. Szereszewska
CEGIELNIANA 66, telefon 65-45.
קינדער-קראַנקהייטען
נעמט אָן פון 12-1 און פון 4-6 נאָכמ. 888

2 קוואַליפיצירטע שטריקער
פאַר שטענדיגע אַרבייט געזוכט
קאָנען זיך זאָפאָרט מעלדען
— ביי —
ה. טענענבוים, פּיעטריקאָווער 38.

קוואַליפיצירטע אַרבייטער
צו מענער-בעשטעלט
קענען זאָפאָרט בעקומען אַרבייט ביי
H. MILNER, Piotrkowska 38.
בעמ.: כאַלופּניקעס קענען בעקומען אַרבייט אַ היימצוגעמען

מיר דריקען אויס אונזער טיפסטען מיטלייד אונזער מיטגליד
משה ראַדאשיצקי וו. פאָרזיצער פון שניידער-מייסטער-פעראיין
און פאַך-קאָמיסיע פון דאַמען-מאַגאַזין צוליב'ן טויט פון זיין מוטער
נ"ע חנה ראַדאשיצקי
אין זיין וויטערדיגע אַרבייט לטובת אונזער אָרגאַניזאַציע זאָל ער אַ טרייסט געפינען.
פערוואַלטונג פון מאַגאַזין-שניידער-מייסטער-פעראיין
אַלע 1 טער מאַי 2
פאַך-קאָמיסיע פון דאַמען מאַגאַזין.

דעם טיפסטען ביילייד דריקען מיר אויס אונזער ג' מיטגליד און חבר שלמה גאָלדשטיין און פאַמיליע צוליב'ן פריהצייטיגען טויט פון זייער
טאָכטער
המקום ינחם אותם בתוך שארי אבלי ציון וירושלים.
די פערוואַלטונג פון אומפּאַרטייאישען צייטונגס-פערקויפער-פעראיין.

אַכטונג, פּראָווינצער סוחרים
פון דאַמען-קאָנפעקציע!
דערמיט מאַכען מיר בעקאַנט, אַז מיר בעזיצען אַ רייכען אויסוואַהל פון פערשידענע דאַמען-מאַנטלען, ווי אויך קינדער-פּאַלטענס פון די נייעסטע פאַסאָנען.
אַלעס צו קאָנקורענץ-פרייזען!
מיט אַכטונג קויפמאַן און פּוטערמאַן
לאָדז, פּעטריקאָווער 33, אין הויף, לינקס, 2. איינגאַנג, 1. שטאָק.
654

„נייער פאָלקסבלאַט"

לאָדז. 10 אָקטאָבער 1928

אַמעריקאַנער יודען

און זייער אַחריות פאַר'ן עתיד.

דער רעזולטאַט פון דער לעצטער צעהלונג פון דער יודישער בעפעלקערונג אין אַמעריקאַ בעטרעפט 4 מיליאָן 228 טויזענד מיט 20 יודען.

די דאָזיגע צעהלונג איז אַדורכגעפיהרט געוואָרען דורך דעם יודיש־אַמעריקאַנער קאָמיטעט אונטער דער לייטונג פונ'ם דאָרטיגען כלל־טוער ד״ר לינפילד.

אין שייכות דערמיט ווערט אין טשיקאַגער „יודישער קוריער" פעראָפענטליכט פאָלגענדיגער אינטערעסאַנטער אַרטיקעל:

„צי מיר זאָלען גלויבען אין ד״ר לינפילד'ס ציפערען בנוגע דער צאָהל פון יודען אין אַמעריקאַ אָדער נישט, איז אָבער זיכער, אַז מיר האָבען איבערגעשטיגען דעם פירטען מיליאָן און וועלען אין אַ פּאָר יאָהר אַרום דערגרייכען די צאָהל פון פינף מיליאָן. די אַמעריקאַנער יודען זענען פיזיש קרעפטיג און געזונד און די צאָהל פון נייגעבוירענע איז אַ סך גרעסער, פון דער צאָהל שטאַרבענדיגע, און ווי שטרענג די עמיגראַציע־געזעצען זאָל נישט זיין, קומען פאָרט אַלע יאָהר אַריין צעהן ביז צוועלף טויזענד יודישע עמיגראַנטען, אַזוי, אַז מען קען זיך ריכטען, אין יאָהר 1950 וועלען זיין אין אַמעריקאַ קרוב צו 6 מיליאָן יודען.

אָבער שוין היינט איז די יודישע גרופּע אין אַמעריקאַ די שטאַרקסטע אין דער וועלט. ס'זענען פאַראַן אין אַמעריקאַ מעהר יודען, ווי אין פוילען, מעהר ווי אין רוסלאַנד און מעהר, ווי אין גאַנץ צענטראַל־און מערב־אייראָפּאַ. פאַר דער מלחמה זענען די יודען אין צאַרישען רוסלאַנד געווען די שטאַרקסטע, היינט זענען עס די אַמעריקאַנער יודען, אָבער מיט'ן אונטערשיד, וואָס אין צאַרישען רוסלאַנד זענען די יודען, בילדענדיג די שטאַרקסטע גרופּע, געווען לעגענדאַריש אָרים, און די אַמעריקאַנער יודען, בילדענדיג היינט די שטאַרקסטע גרופּע, זענען לעגענדאַריש רייך.

אין קיין לאַנד אויף דער וועלט און צו קיין צייט, איז אַ יודישע גרופּע נישט געווען אַזוי רייך, ווי די יודישע גרופּע אין אַמעריקאַ. אין אַמעריקאַ זענען פאַראַן נישט הונדערטער, נאָר טויזענדער יודען, וועלכע פערמאָגען מעהר, ווי אַ מיליאָן דאָלאַר, און עטליכע פון זיי זענען די רייכסטע בירגער אין לאַנד: אָטאָ ה' קאָן, רזשוליוס ראָזענוואַלד, ד״ר גוגענהיימס א. אַ.

„לויט אַ סטאַטיסטישער בערעכנונג פון ראובן פינק, בעטרעפט דער ווערט פון די יודישע בית־עלמינס אין ניו־יאָרק אַליין אַרום אַ האַלבען ביליאָן דאָלאַר. און דעם ווערט פון די יודישע טעמפּלען איז גאָרנישט אָפּצושאַצען. אין איינציגער טעמפּעל, וואָס ווערט איצט געבויט אין ניו־יאָרק, וועט קאָסטען זעקס מיליאָן דאָלאַר; און טעמפּלען, וואָס קאָסטען צו מיליאָן דאָלאַר, געפינט זיך אין יעדער גרעסערער יודישער שטאָט אין אַמעריקאַ.

דערצו דאַרף מען נאָך צוגעבען, אַז דאָס אומגעהויערע רייכטום פון די אַמעריקאַנער יודען איז נישט אָנגעזאַמעלט געוואָרען אין משך פון דורות, ווי דאָס רייכטום פון די יודען אין דייטשלאַנד אָדער פראַנקרייך, נאָר אין משך פון איין דור. אפילו אונזערע הונדערטפאַכיגע מיליאָנערען זענען געקומען צו זייער עשירות פאַר די לעצטע דרייסיג יאָהר. מיט דרייסיג יאָהר צוריק איז נאָך נישט געווען קיין מולטי־מיליאָנער און פאַר פערציג יאָהרען איז מאָרטימער שיפ'ס טאַטע, דער פערשטאָרבענער יעקב שיף, געווען אַן אָרימער בוכהאַלטער.

„מיט איין וואָרט: אין משך פון דרייסיג יאָהר זענען מיר געוואָרען די שטאַרקסטע יודישע גרופּע אין דער וועלט־געשיכטע, נישט בלויז אין צאָהל, נאָר אויך עקאָנאָמיש. דאָס, אויף וואָס אַנדערע יודישע גרופּעס אין אַנדערע לענדער האָבען געאַרבייט דורות־לאַנג, האָבען מיר כמעט שפּילענדיג ערוואָרבען אין משך פון איין דור און אין איין לאַנד און מיר פערנעהמען איצט אַ פּאָזיציע, וואָס אַ סך אַנדערע יודישע גרופּעס זענען אונז מקנא — יעדער אַמעריקאַנער איז אַ רייכער פעטער, ביי וועמען זיינע קרובים אין אייראָפּאַ ווילען נושא חן זיין...

„אָבער די שטעלונג, וואָס מיר האָבען זיך ערוואָרבען אין יודישען לעבען, לעגט אויף אונז אַרויף געוויסע התחייבות'ן נישט בלויז געגען אָרעמע, שוואַכע און קראַנקע, נישט בלויז פילאַנטראָפּישע התחייבות'ן, נאָר אויך אינטעלעקטועלע מאָראַלישע און פּאָליטישע.

„צום בעדויערן זענען מיר אָבער אַזוי פערקאַכט אין געלד מאַכען און אַזוי פערזונקען אין גראָבען מאַטעריאַליזם, אַז מיר טראַכטען גאָרנישט פון אונזערע מאָראַלישע, פּאָליטישע און אינטעלעקטועלע אחריות'ן און דערפאַר האָט מען פאַר אונז קיין רעספּעקט נישט אין אייראָפּאַ.

„נישט קוקענדיג אויף אונזער גרויסער צאָהל און אויף אונזער גרויסער עשירות, אַלס די גרעסטע יודישע גרופּע אויף דער וועלט, האַרפען מיר אויך זיין גייסטיג פּראָדוקטיוו און מיר זענען עס נישט. אָט צוליב דעם רופט מען אונז „דער רייכער פעטער".

צום רייכען פעטער חנפ'ט מען זיך — אָבער קיין דרך־ארץ האָט מען נישט פאַר איהם"!

א. ק.

„ערגער, בערגער, שאָסבערגער"

(אַ בריף פון אונגאַרן ספּעציעל צום „נייעם פאָלקסבלאַט").

די יודישע פראַגע אין אונגאַרן האָט אין די לעצטע צוויי יאָהר געוויס פערלוירען זעהר פיל פון איהר שאַרפקייט אין פערגלייך מיט די ערשטע יאָהרען פון ווייסגוואַרדיסטישען רעזשים. עפענטליכע אָרדנונג און זיכערקייט אויף די גאַסען איז היינט שטרענג אָפּגעהיטען אויך לגבי דער יודישער בעפעלקערונג. אפילו אַז די הויכשולען איז די אַנטיסעמיטישע סטודענטענשאַפט געבראַכט געוואָרען צום שכל און עס איז דער רעגירונג געלונגען איינצופיהרען אָרדנונג און דיסציפּלין. דער רוב פון דער קריסטליכער געזעלשאַפט האָט אויפגעהערט צו בעטראַכטען די יודען אַלס הפקר. די קריסטליכע בעפעלקערונג איז אין אַלע איהרע שיכטונגען און גרופּירונגען שוין עפענטליך פונאַנדערגעטיילט בנוגע דער יודישער פראַגע. שטאַרקע געזעלשאַפטס־גרופּען פערהאַלטען זיך שוין אָביעקטיוו און גערעכט צו דער יודישער פראַגע, איינצעלנע קרייזען און פערזענליכקייטען אפילו — פריינדליך און סימפּאַטיש.

דורך דעם איז פערשוואונדען געוואָרען אַנטיסעמיטיזם אַלס מאַסען־פּסיכאָז, ספּעציעל צווישען דער לאַנד־בעפעלקערונג. די רעגירונג פון גראַף בעטלען האָט בעשטימט אַ גרויסען חלק אין דער דאָזיגער אויסערליכער בערוהיגונג און קאָנסאָלידירונג, וועלכע זי האָט געמוזט דורכפיהרען נישט בלויז צוליב אויסענפּאָליטישע און אינטערנאַציאָנאַלע פערפליכטונגען, נאָר אויך מחמת אַ דרינגענדער בעדערפעניש פון דער אינערער פּאָליטיק. ערשטענס, האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז די אַנטיסעמיטישע אומרוהען־מאַכער זענען אַ גרויסע סכנה פאַר דער אָרדנונג אין לאַנד גופא. אָפט זענען געפּאַטשט געוואָרען כשר'ע קריסטען און אפילו אָנהענגער פון דער רעגירונגס־פּאַרטיי, ווייל מען האָט זיי געהאַלטען פאַר יודען. צווייטענס, האָט דאָס אונגאַרישע יודענטום אַליין דורך עטליכע שטאַרקע פערזענליכקייטען געפיהרט עפענטליך אַ העלדישען קאַמף געגען דעם ווילדען אַנטיסעמיטיזם און געגען דעם פּאַטראָנאַזש פון איינצעלנע רעגירונגס־אַמטען איבער זייערע אַנטיסעמיטישע משולחים.

אָבער דער אַנטיסעמיטיזם אין אונגאַרן וויל נישט פערשווינדען איננאַנצען. ער איז געבליבען ביי אַ טייל פון דער נאַציאָנאַליסטישער יוגענד און מיטעלער אינטעליגענץ אין די שטעט, אויך אין דער פאָרם פון פּאָליטישע און אַגיטאַטאָרישע מאַניפעסטאַציעס. ער האָט זיך אויך שטאַרק איינגעוואָרצעלט אין דער רעגירונג אַליין אַלס עקאָנאָמישער און סאָציאַלער פּרינציפּ.

לויט די ערפאַהרונגען פון היינטיגען יאָהר, האָט די רעגירונג קאָנצענטרירט איהר יודען־פּאָליטיק אויף אַ זעהר רעליקאַטען אָבער אויך זעהר קאָנסעקווענטער אַנטי־יודישער געזעצגעבונג אויף סאָציאַלען און עקאָנאָמישען געביט. וועלכען נייעם געזעץ זי ברענגט אַריין אין פּאַרלאַמענט, האָט עס עפּעס אַ בעהאַלטענע כוונה געגען יודען. אפילו נאָוועלירונגען פון אַלטע געזעצען האָבען אין דער רעגעל דעם הויפּט־צוועק אַריינצוגנב'ענען געגען יודען עפּעס אַ גזירה אין אַזאַ פאָרם, אַז מען זאָל זי נישט קענען אַטאַקירען. נישט פון קאָנסטיטוציאָנעלען שטאַנדפּונקט און נישט לויט די אינטערנאַציאָנאַלע קאָנטראַקטען. מען מוז בעוואונדערן די אונגאַרישע געזעצגעבערס און רעפּרעזענטען, ווי גלענצענד זיי האָבען זיך ספּעציאַליזירט אין דער קונסט פון פאַבריצירען אַנטיסעמיטישע געזעצען, אָהן אַ אויסערליכען סימן, פון אַ ווענדונג געגען יודען. און וואָס מען קאָן נישט מאַכען דורך אַ פּאַרלאַמענט־געזעץ, פּראָבירט מען אויפ'ן וועג פון מיניסטעריאַלע פעראָרדנונגען. די יודישע פּאַרלאַמענטאַריער האָבען מיט אונטערשטיצונג פון די ווייניגע קריסטליכע ליבעראַלען, דעמאָקראַטען און סאָציאַליסטען תמיד אַרויסגעפינען דעם אַנטיסעמיטישען שורש און הגם עס איז ווי לעצטענס געלונגען אויסצוקעמפען בלויז קליינע אויסבעסערונגען, האָבען זיי אָבער דעם מאָראַלישען ערפאָלג, אַז די עפענטליכקייט, אויך די קריסטליכע, ווערט אויפגעקלערט וועגען די אַנטיסעמיטישע געזעצען און פעראָרדנונגען, וועלכע זענען אָנגעווענדעט אויך געגען קריסטליכע געזעלשאַפטס־שיכטען אויף יענע עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פעלדער, וואו יודען האָבען אַ פיהרענדע פּאָזיציע און די קריסטליכע פאַך־חברים ליידען דורך דעם צוזאַמען מיט די יודען.

דאָס איז געשעהן צום ביישפּיל ביים דורכפיהרען פון אַגראַר־געזעץ, ביי דער נומערוס־קלאַוזוס־נאָוועלע און ביי דער נייעסטער פעראָרדנונג פון בילדונגס־מיניסטער און דער פעראָרדנונג פון דער אַלגעמיינער סטודענטען־צאָהל אויף אַלע הויכשולען. דאָס געשעהט איצט מיט דער אַוויזירטער פעראָרדנונג פון יוסטיץ־מיניסטעריום מכח אַ נומערוס־קלאַוזוס פאַר אַדוואָקאַטען. דאָס איז אויך די איינצעלנע סיבה פון פינאַנץ־מיניסטערס שטייער־פּראַקטיק געגען סוחרים, וועלכע האָט שוין רואינירט אַ געוואַלדיגע צאָהל פון יודישע סוחרים און קליינהענדלער. אָט די רעגירונגס־פּאָליטיק איז אַ געוואַלדיגע סכנה פאַר'ן אונגאַרישען יודענטום און עס איז נויטיג אויפצוקלערען וועגען איהר די גאַנצע יודישע וועלט.

ווי שוין דערמאָהנט, פיהלען זיך נאָך אין די שטעט, ספּעציעל אויף דער פּראָווינץ, אַ היבש ביסעל דעמאָנסטראַטיווער אַנטיסעמיטיזם; בפרט געוויסע טיילען פון דער אונגאַרישער אינטעליגענץ דעמאָנסטרירען ביי יעדער געלעגענהייט מיט'ן גראָבען אַנטיסעמיטישען ליד „ערגער, בערגער, שאָסבערגער". אין איינצעלנע גרעסערע אינטערנאַציאָנאַלע זומער־בעדער און קורערטער קלינגט דאָס ליד אין די אויערן פון די יודישע קורגעסט אָפּט גאַנצע טעג. זעהר אָפּט אויך בשעת און לכּבוד אויסלענדישע אינטערנאַציאָנאַלע, וויסענשאַפטליכע אָדער געזעלשאַפטליכע קאָנגרעסען און צוזאַמענפאָהרען, וואו די אַנטיסעמיטישע סטודענטען בעגריסען דערמיט די אויסלענדישע יודישע טיילנעהמער פון אַזעלכע אינטערנאַציאָנאַלע צוזאַמענפאָהרען אין אַן'אונגאַרישער שטאָט האַלטען דאָס אַנטיסעמיטישע ליד פאַר דעם אונגאַרישען נאַציאָנאַל־הימן און ענטבלויזען די קעפּ און זינגען מיט. אַזוי האָט שוין מעהר, ווי איין בכבוד'ער יודישער גאַסט פון אויסלאַנד מיטגעזונגען און בעוואוסט דאָס אַנטיסעמיטישע ליד צוזאַמען מיט דער יודען־פיינדליכער סטודענטענשאַפט.

(יט״א) **א. וויענער.**

די פערשידענע פנימער פון אַנטיסעמיטיזם.

דער אַנטיסעמיטיזם אין פראַנקרייך.

(אַ בריף פון פּאַריז).

קיינער וועט נישט קאָנען ענטפערען מיט אַ זיכערען „יאָ" אָדער „ניין" אויף דער פראַגע, צי ס'איז פאַראַן אַנטיסעמיטיזם אין פראַנקרייך. יאָוואָהל און ניין. יענער וועלען דאַרפען בעגרענעצען זייער ענטפער מיט אַ „ס'איז אָפּהענגיג" און כּדומה. עקאָנאָמיש ליידט אין פראַנקרייך, ברוך השם, קיינער נישט פון יודישקייט. מ'האַלט די „איזראַעליטע" פאַר גענייטע סוחרים. און מ'האָט דווקא ליב מיט זיי האַבען צו טאָן, און די שולעס נעמען אָפּט יודען — און איינגעוואַנדערטע יודען — די ערשטע פרייזען, און קיינער געפינט נישט אַ וואָרט צו זאָגען געגען דעם. יודען האָבען שוין אַ חזקה צו פערנעמען די גוטע פּלעצער פון פּרעפעקטען און אַ רייה פּראָווינצען. אַ זעכציג יודען האָבען קאַנדידירט ביי די לעצטע פּאַרלאַמענט וואַהלען אויף די ליסטעס פון פערשידענע פּאַרטייען, און כ'האָב נישט געהערט, אַז די געגנער זייערע זאָלען זיי אויפוואַרפען זייער יודישקייט אַלס אַ חטא. ס'איז אַ פאַקט, אַז אין אָפיציעלע קרייזען בעטראַכט מען יודען אַלס געוואונשטע איינוואַנדערער, וועלכע בינדען זיך גיכער צו צו זייער נייעם פאָטערלאַנד, שטעהן מאָראַליש הויך. די געמישטע חתונות איז דאָ זעהר גרויס, אָבער מיר האָבען נישט געהערט, אַז דאָס זאָל ברענגען צו שטאַרקע פאַמיליען־קאָנפליקטע. יודישע טעכטער האָבען ברוך השם אַריינגעדרונגען אין די העכסטע פראַנצויזישע קרייזען און זיי האָבען אָפּט נישט קיין אַנטי־יודישע ווירקונג — ווי ס'פלעגט אַמאָל אָפּט פאָרקומען — אויף זייערע מאַנען, אָפּט דערוויסען מיר זיך אַז דער אָדער יענער דעפּוטאַט, אָדער שטאַטסמאַן — וואָס אינטערעסירט זיך מיט יודען, איז אַ מיטגליד פון דעם „פּראָ־פּאַלעסטינע" קאָמיטעט, האָט אַ יודישע פרוי.

און אָט האָט איהר די צווייטע זייט פון דער מטבע.

דער פראַנצויזישער דיפּלאָמאַטישער קאָרפּוס איז אַבסאָלוט יודען־ריין, עס איז כמעט אוממעגליך פאַר אַ יודען צו מאַכען אַ וויכטיגע דיפּלאָמאַטישע קאַריערע, אָנקומען אין אויסלאַנד אַלס פראַנצויזישער באָטשאַפטער, פּאָליטישער אַגענט און אפילו סעקרעטאַר. אויף די דאָזיגע דיפּלאָמאַטישע פּאָזיציעס האָט זיך בעפעסטיגט דער געוועזענער פראַנצויזישער אַדעל, די בלוי־בלוטיגע אַריסטאָקראַטיע, וואָס שטאַמט פון די באַראָנען און פּרינצען, לייט מיט „גוטע מאַניערען", וועלכע האָבען גוטע בעציהונגען אין אויסלאַנד, און וועמען די רעפּובליק האָט בכלל געוואָלט האַלטען וואָס ווייטער פון פּאַריז. דער דאָזיגער דיפּלאָמאַטישער קאָרפּוס האָט געשאַפען אַ געשלאָסענע קערפּערשאַפט און לאָזט צו זיך נישט אַריין קיין געוועהנליכען בשר ודם, אכל־שכן יודען.

ס'איז פאַראַן קלובען, וואו יודען קענען נישט אָנקומען אַלס מיטגלידער. אין די סטאַטוטען פון די קלובען איז נישטאָ קיין פּירוש'דיגער איסור אויף יודען — דאָס וואָלט געווען נישט קיין „באָן־טאָן" — אָבער פּאַקטיש ווערט אַזאַ איסור דורכגעפיהרט. אין גענענטייל — איז פאַראַן אַזעלכע קלובען, וואו מ'דאַרף אַ גוי זוכען מיט ליכט. אָהן ספּעציעלע כוונה ווערט שוין די זאַך פון זיך זעלבסט איינגעאָרדענט.

אַנטיסעמיטיזם איז אָבער אויך אַ גוטע טעמע פאַר זשורנאַליסטען, און עס וואָלט געווען נישט נאַטירליך אַז כאָטש אַ 2—3 זשורנאַליסטען אין פראַנקרייך זאָל זי נישט אויסנוצען.

די דרייפוס־אַפּערע האָט אונז געלאָזט בירושה אַ טעגליכע צייטונג „לאַ ליבר פּאַראָל" פון בעוואוסטען פּאַמפלעטיסט און שונא ישראל דריומאָן, וועלכע האָט אין משך פון צעהנדליגער יאָהרען אַלע טאָג געדרוקט כאָטש איין אַרטיקעל געגען יודען. די צייטונג איז אויסגעגאַנגען מיט אַ נאַטירליכען טויט.

דערנאָך האָבען מיר געהאַט אַ ספּעציעלען אַנטי־יודישען וואָכענבלאַט „לאַ וועיל פראַנס" („די אַלטע פראַנקרייך") פון אורבען גאָיע, וועלכער האָט זיך אויך פערמאַכט, ווייל יודען האָבען איהם אויפגעהערט צו לייענען (כידוע, זענען די יודען די צאָהלרייכסטע לעזער פון אַנטיסעמיטישער ליטעראַטור). גאָיע האָט דווקא געהאַט פיל פריינד צווישען יודען. אַז מ'פלעגט איהם מאַכען פאָרוואורפען וועגען זיין יודען־פרעסעריי, פלעגט ער גוטמוטיג ענטפערען: „געפינט מיר אַן'אַנדערע, אַ בעסערע פּרנסה"...

איצט איז אורבען גאָיע געוואָרען דער פּובליציסטישער בעל־יועץ פון דעם בעוואוסטען פּאַרפומעריע־קעניג קאָטי.

קאָטי בעגנוגט זיך נישט מיט זיינע מיליאָנען און מיט זיין פּלאַץ אין פראַנצויזישען סענאַט. ער וויל אויך ווערען אַ ראש המדברים אין דער פראַנצויזישער פּובליציסטיק. און אַז מ'פערמאָגט מיליאָנען און מ'איז גרייט זיי אויסצוגעבען איז גאָר נישט שווער. קויפט מען אָפּ דריי קאָנסערוואַטיווע צייטונגען: דעם „פיגאַראָ", דעם „עקאָ דע פּאַרי" און דעם „גאַלואַ" און מ'גרינדעט אַ פערטע „אַמי דו פּעפּל" (פאָלקס־פריינד). די לעצטע ווערט פערקויפט פאַר 10 סאַנטים, בעת די אַנדערע צייטונגען קאָסטען 25 סאַנטים. דאָס ברענגט צו אַ קאַמף צווישען דער „פעדעראַציע פון דער פראַנצויזישער פּרעסע" און קאָטי. די פעדעראַציע האַלט, אַז ביי 10 סאַנטים אַ נומער מוז קאָטי דערלעגען — אויב זיין צירקולאַציע פון 500 טויזענד עקזעמפּלאַרען אַ טאָג איז ריכטיג אָנגעגעבען — ביז 5 מיליאָן פראַנק אַ חודש, און וואָס גרעסער זיין צירקולאַציע וועט זיין, אַלס גרעסער וועלען זיין זיינע פערלוסטען, און ווי אַזוי די קאָנקורענץ איז נישט קיין לאָיאַלע, דעריבער ווילען זיי איהם נישט אַלס קאָלעגע. און אַזוי ווי די פירמע האַשעט, וועלכע צוטיילט די גאַנצע פּרעסע צו די צייטונגס־פערקויפער און צו די קיאָסקען, איז קאָנטראָלירט דורך דער דערמאָנטער פעדעראַציע, ווערט דער „אַמי דע פּעפּל" נישט צוגעלאָזט צום פערקויף.

איז זיך קאָטי מיישב און גרינדעט אַן'אייגענע פירמע פאַר פערשפּרייטען צייטונגען — און דער
טערטער ענערגיע.
קאַמף געהט אָן פון ביידע זייטען מיט אַ פערבי־

דער דאָזיגער „אַמי דע פּעפּל" האָט אָנגעהויבען אַ העפטיגע קאָמפּאַניע געגען דער „אויסלענדישער אינוואַזיע" וואָס פערפּלייצט פראַנקרייך און ספּעציעל געגען יודען. די דאָזיגע נאָטע ווערט געשפּילט דורך אַן'אַנאָנימען שרייבער אין וועמען מען האָט לייכט דערקאָנט דעם פּראָפעסיאָנאַל אורבען גאָיע. דער נוסח איז אַן'אַלטער, אַן'אויסגעדראָשענער. יודען זענען שולדיג אין אַלע צרות. דירה־קריזיס, יקרות אויף לעבענס־מיטעל, רעוואָלוציאָנערע אַגיטאַציע און אַז. וו. די פערטיידיגונג פון די אויסלענדער ווערט אָנגעפיהרט דורך אַ וואָכענבלאַט, „ל'אַמיטיע פראַנסעז", וועלכע איז געגרינדעט געוואָרען פאַר אויסלענדער, און וואו פּאַול לאַנראָווסקי, דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער „אַסאָסיאַציע פון אויסלענדישע זשורנאַליסטען אין פּאַריז", פיהרט אַ טרעפליכע און מוטיגע פּאָלעמיק מיט קאָטי און זיינע ליטעראַרישע משרתים.

אַן'אַנדער פּראָפעסיאָנאַל פון דעם געלבען שניט פערעפענטליכט אין „ערנסטען" חודש־זשורנאַל „רעוויו דע פּאַרי" אַ סעריע וויסענשאַפטליכע אַרטיקלען וועגען די „געהיימע מקורות פון באָלשעוויזם" און בעהויפּטעט, אַז קאַרל מאַרקס האָט בעקומען מאָראַלישע הילף און אויך מאַטעריעלע שטיצע פון אַ געהיימער יודישע אָרגאַניזאַציע, פון „יודישען פערבאַנד צו פערשפּרייטען וויסענשאַפט און ציוויליזאַציע" וועמעס צענטראַלע ס'איז בערלין און וועד־

(ווייטער זעה 7־טע זייט)

נייער פאלקסבלאט

דאָס לאָדזער לעבען

נייער פאלקסבלאט

10 מיטוואָך — אָקטאָבער

כו תרפ"ט תשרי

זון-אויפגאַנג 5.53
זון-אונטערגאַנג 4.57

קאָנפערענץ צווישען פרעמיער באַרטעל און פרעזידיום פון לאָדזער מאַגיסטראַט.

די פערלאַנגען פון דער לאָדזער שטאָט-פערוואַלטונג.

(מ) ווי מיר האָבען שוין מיטגעטיילט האָט אַ רעלעגאַציע פון לאָדזער מאַגיסטראַט אין די פערזאָנען פון פרעזידענט זשעמיענצקי, וויצע-פרעזידענט ראַפּאַלסקי און פאַרזיצער פון שטאָדט-ראַט אינזש. האָלצגרעבער אָפּגעהאַלטען אַ קאָנפערענץ מיט'ן פרעמיער באַרטעל און איהם איבערגעגעבען אַ מעמאָריאַל וועגען די וויכטיגסטע פּאָסטולאַטען פון דער שטאָדט לאָדז.

אין מעמאָריאַל ווערט אָנגעוויזען אויף די שוועריגקייטען וועלכע די לאָדזער זעלבסטפערוואַלטונג האָט געהאַט אויסצופיהרען, ווען פּוילען איז געוואָרען אומאָפּהענגיג. די אַלע אויפגאַבען איז אוממעגליך דורכצופיהרען אין פערלויף פון איין דור. לאָדז האָט נישט קיין שטעטישע אונטערנעהמונגען, וואָס זאָלען ברענגען ריוח און מוז דעריבער אַלע אויסגאַבען רעקען פון שטייערן בּיי די שווערע ווירטשאַפטליכע בעדינגונגען קען די שטאָדט מיט אייגענע כוחות נישט דורכפיהרען די אַלגעמיינע שול-בילדונג, בויען שול-לאָקאַלען, איינאָרדנען די שטעטישע געזעלשאַפטליכע שוץ, קאַנאַליזאַציע, קאָלאָניע פון אַרבייטער-הייזער, א.א.וו. בּיי דעם אַלעם אָפּגעטוענעם בלייבט נאָך פיל צו רעאַליזירען (שפּיטאַל-ווזען, ברוקירען די גאַסען, וואַסער-ליימונג א. אַ. וו.

די אָנשטרענגונגען פון דער שטאָדט-פערוואַלטונג מוזען געפינען פערשטענדניש און שטיצע מצד דער רעגירונג. צוליב דער בעדייטונג פון לאָדז אַלס גרעסטען אינדוסטריע-צענטער פון פּוילען און אַלס צווייטע שטאָדט לויט דער גרויס אין אונזער מלוכה.

לאָדז אַלס צאָהלער פון מלוכה-שטייערן פערנעהמט אַן אָנגעזעהענעם אָרט; אין 1925 י. האָבען די לאָדזער שטייערן פאַר'ן מלוכה-אוצר בעטראָפען 20,746,572 זל., אין 27-1926 — 29,395,233 זלאָטים.

דער מעמאָריאַל שטעלט זיך אָפּ אויף דעם אומגעהייערן וואוינונגס-הונגער, וואָס הערשט אין לאָדז און ווייזט אָן, אַז ס'דאַרפען פערגרעסערט ווערען די קאָנטינגענטען פון די בוי-קרעדיטען, פון „באַנק גאָספּאָדאַרסטוואַ קראַיאָוועגאָ", די רעגירונגס-אַמטען דאַרפען איבערגעטראָגען ווערען אין ספּעציעלע בנינים, וואָס מ'זאָל פאַר זיי אויסבויען. ווייטער ווערט אין מעמאָריאַל אָנגעוויזען אויף דער נויטיגקייט אַריבערצוטראָגען די באַהן-סטאַציע אויף דער ווירוועזער פּאָלעסיע. בּיי די אַרבייטען וואָלטען געפונען בעשעפטיגונג 2000 אַרבייטער.

פאַר'ן גע'ג'ר-צושטאַנד פון דער בעפעלקערונג איז נויטיג דאָס פונאַנדערבויען דעם שפּיטאַל-וועזען, און דאָס אויסבויען די וואַסער-לייטונג, אָבער די שטאָדט קען נישט צוטרעטען צו די נויטיגע אַרבייטען אָהן הילף פון דער רעגירונג. די וואַסער-לייטונג דאַרף אָפּקאָסטען פון 60—70 מיליאָן זל. און קענען נישט געדעקט ווערען נישט פון שטייערן, און נישט פון קיין הלואה, ווייל די שטאָדט קען נישט נעהמען נאָך אַ הלואה אַ חוץ דער קאָנאַליזאַציע-הלואה.

צום סוף ווערט אין מעמאָריאַל פערלאַנגט:
1) צו אָנערקענען פאַר לאָדז גרעסערע בוי-הלוואות-קאָנטינגענטען, 2) די רעגירונג זאָל פאַרנעהמען אויסצובויען אַ רייה געבייידעס פאַר מלוכה-אַמטען, 3) באַלד אָנהויבען די אַרבייטען, וואָס זענען פערבונדען מיט אַ באַהן-סטאַציע אויף ווירוועזער פּאָלעסיע און אַ באַהן-וויאַדוקט איבער טראַמוואַיאָוואַ—ווסאָקאַ און 4) גינסטיגע ערלעדיגונג פון דער וועגן רעגירונגס-הילף אויף אויסצובויען די וואַסער-לייטונג און דער אַלגעמיינער שפּיטאַל אין לאָדז.

די כלה וויל נישט פאָהרען צום חתן.

אומגעוועהנליכע פאַסירונג אין היינטיגע צייטען.

(—) דער לאָדזער ראַבינאַט האָט נעכטען בעקומען אַ בריף פון אַ געוויסען יעקב לענטשיצקי אין בוענאָס-איירעס מיט פאָלגענדען אינהאַלט:

מיט עטליכע יאָהר צוריק האָט לענטשיצקי געוואוינט אין וואַרשאָ אויף נאַוואָליפּקי 19, ער איז געווען אַ שטיקעל סוחר און זייך שוין געהאַט אָנגעקליבען אַ קליינעם קאַפּיטאַל, דאַן האָט ער זיך בעקענט מיט אַ פריילין עוגעניע זעומער פון האַלסקאַ 3. די תנאים מיט אַלע פּיטשעווקעס זענען פאָרגעקומען ביי זעומער אין שטוב און מ'האָט זיך אָנגעהויבען גרייטען צו דער חתונה. דערווייל האָבען זעומערס געשעפטען אָנגעהויבען צו געהן שלעכט און זעומער האָט זיך געמוזט אַריבערציהען קיין לאָדז און וואוינט ער-היום אויף פּיעטריקאָווער 100.

לענטשיצקי איז געווען אַ גוטער איידעם און האָט זעומער'ן געבאָרגט מזומנים 200 דאָלאַר, דער כלה געקויפט אַ פּלאַטין-זייגערל פאַר 150 דאָלאַר און אַנדערע חפצים אויך פאַר 150 דאָלאַר. האָבען זיך אונטערגערוקט די קריזיס-יאָהרען און אויך לענטשיצקי'ס געשעפטען האָבען אָנגעהויבען צו געהן מיט דער פּוטער אַראָפּ. ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז לענטשיצקי האָט געמוזט עמיגרירען קיין בוענאָס-איירעס.

פאַר'ן אַוועקפאָהרען האָט לענטשיצקי אָפּגעמאַכט מיט זיין שווער און כלה, אַ זקוים וועט ער זיך נאָר עטוואָס איינאָרדנען וועט דאָס פריילין זעומער קומען קיין בוענאָס-איירעס און דאָס פּאָר-פּאָלק וועט חתונה האָבען.

לענטשיצקי איז אוועקגעפאָהרען, האָט האַרט שווער געאַרבייט און זיך מעהר-ווייניגער געשטעלט אויף די פיס. ער האָט אָנגעהויבען צו שרייבען נאָך זיין כלה פון לאָדז, אָבער זעומער און זיין טאָכטער לאָבען זיך אויס פון איהם און ווילען איהם מעהר נישט קענען, לענטשיצקי האָט זיך דערוואוסט, אַז זעומער'ן געהט איצט אויך נישט שלעכט און ער האָט זיך געווענדעט צום לאָדזער ראַבינאַט, אַז די כלה זאָל קומען קיין בוענאָס-איירעס און זאָל חתונה-האָבען מיט איהם, ווען די כלה נישט וועגען, זאָל דער ראַבינאַט צוריקנעהמען די פינף הונדערט דאָלאַר, וואָס לענטשיצקי האָט געגעבען זיין שווער און כלה און דער ראַבינאַט זאָל צושפּרעכען אַ געוויסע מאָראַלישע ענטשעדיגונג פאַר דער מאָראַלישער עוולה, וואָס לענטשיצקי האָט געליטען.

—=:§:=—

אַ גלאָווגער קריסט קומט קיין לאָדז זיך מגייר-צו-זיין.

ער איז פערליבט איבער די אויערען אין אַ יודיש-מיידעל.

מיר קלאָגען זיך שטענדיג, אַז ס'איז שווער צו זיין אַ יוד, פונדעסטוועגען רייסען זיך מענשען אין יודישען פאָלק אַריין און זענען פשוט אוממגליך, ווען מען מאַכט זיי אין דער הינזיכט פערשידענע שוועריגקייטען.

נעכטען איז פאַר'ן פענסטערל פון היגען ראַבינאַט געשטאַנען אַ יונגער קריסטליכער אַרבייטער און געהאַט טענות צום ראַבינאַט, הלמאי מען שלעפּט איהם אָפּ מיט'ן אַדורכפיהרען די פאָרמאַליטעטען איהם מגייר-צו-זיין.

— איך בין שוין נישט קיין קריסט און נאָך נישט קיין יוד, קלאָגט זיך דער אַרבייטער, דאָס קריסטליכע גלויבען האָב איך שוין אַוועקגעוואָרפען און דאָס יודישע האָב איך נאָך נישט אָנגענומען. איך געפין זיך צווישען הימעל און ערד. אַזאַ לאַגע איז דאָך אומערטרעגליך!

וועגען דעם ראַזיגען קריסטליכען אַרבייטער און וועגען זיין ווילען זיך מגייר זיין דערוויסען מיר זיך פאָלגענדע פּרטים:

ער הייסט קאַזשימיעזש מילטשאַרעק, איז 27 יאָהר אַלט און איז שוין נאָכ'ן מיליטער-דינסט. איידער ער איז אַוועק אין מיליטער האָט מילטשאַרעק עטליכע יאָהר געאַרבייט אין לאָדז בּיי אַ געוויסען פירמאַן אויף פּאָמאָרסקאַ 91. שוין דעמאָלט האָט ער זיך אויסגערריקט, איז איהם געפעלען יודען און זייער גלויבען און אַז ער וועט נאָך אַמאָל ווערען אַ יוד — ער איז אָבער אַוועק אין מיליטער און פון זיין פּלאַן איז פערשטעהט זיך גאָרנישט געוואָרען. נאָכדעם, ווי ער איז צוריקגעקומען פון מיליטער האָט מילטשאַרעק אָנגעהויבען צו אַרבייטען בּיי אַ געוויסען אברהם יעקב פּשיטיק אין גלאָוונאָ. אויך דאָ האָט מילטשאַרעק אַלץ געפיינט זיין בעל-בית, אַז ער זאָל איהם העלפען ווערען אַ יוד, פּשיטיק האָט אָפּגערעדט מילטשאַרעק'ן פון דעם שריט און אַלץ אָפּגעשלעפּט דעם ענין.

דערווייל מאַכט זיך אַ געשיכטע און קאַזשימיעזש מילטשאַרעק פערליבט זיך אין די טאָכטער פון שמש פון דער גלאָווגער שוהל און געהט אַרום אַ צומולטער.

איצט האָט מילטשאַרעק שוין בעשלאָסען, אַז ער מוז ענטגילטיג די פאָרמאַליטעטען אַדורכפיהרען און ווערען אַ יוד, ער איז אַוועק צום גלאָווגער רב, אָבער יענער האָט אויך אָנגעוואָנדערט אַלע מיטלען אָפּצורעדען מילטשאַרעק'ן פון זיין שריט, איבריגענס האָט דער גלאָווגער רב ערקלערט, קען ער בּיי זיך די ראָזיגע פאָרמאַליטעטען נישט אַדורכפיהרען און האָט גע'עצה'ט מילטשאַרעק'ן אַז ער זאָל זיך ווענדען וועגען דעם ענין צום לאָדזער ראַבינאַט.

מילטשאַרעק האָט געלאָזט שטעהן די אַרבייט און איז נעכטען געקומען קיין לאָדז — האָט ער זיך אַרומגעדרעהט אין ראַבינאַט-שטוב און געהאַט תרעומות, הלמאי קוקט מען זיך נישט אום אויף איהם, הלמאי רעדט איהם יעדער אָפּ פון דעם שריט, וואָס ער וויל מאַכען מיט'ן פּולען בעוואוסטזיין און פעראַנטוואָרטליכקייט.

מילטשאַרעק שטאַמט פון עכטע קאַטאָליקען, זיין פאָטער לעבט נישט מעהר און זיין מוטער האָט ער פאַר'ן אַוועקפאָהרען פון גלאָוונאָ דערצעהלט וועגען זיין פּלאַן. די מוטער האָט איהם פערשאָלטען און ערקלערט, אַז זי וויל איהם נישט מעהר קענען.

— און בּיי אַזאַ קרבן, וואָס איך האָב שוין געבּרענגט, כדי איבערצייגען אין מיין אויפריכטיגקייט, מאַכט מען מיר נאָך שוועריגקייטען און בּיים בעסטען פאַל ערקלערט מען מיר, וועל איך קענען ווערען אַ יוד ערשט אין עטליכע חדשים אַרום.

יאָ, ס'איז טאַקי זעהר שווער צו זיין אַ יוד, — זיפצט מילטשאַרעק, — אָבער ווי איך זעה, איז נאָך שווערער צו ווערען אַ יוד.

דער „גן-ילדים"

אויפ'ן נאָמען פון „שלום-עליכם"

איז מודיע, אַז די למודים האָבען זיך שוין אָנגעהויבען דעם 9-טען אָקטאָבער ד. י.

פון קרן-קימת-לישראל.

היינט ווערט ערוואַרט אין לאָדז די ארץ-ישראל-דעלעגאַציע פון קרן-קימת. עס קומען די מיטגלידער פון דער דעלעגאַציע: דער העברעאישער שריפטשטעלער ה' נתן ביסטריצקי און ה' א. הערצפעלד, מיטגליד פון ציוניסטישען אַקציאָנס-קאָמיטעט.

צוזאַמען מיט דעם בעזוך פון דער א"י-דעלעגאַציע נעמט אונטער דער היגער קק"ל-קאָמיטעט אַ גרויסע אויפקלערונגס-אַרבייט צווישען דער נאַציאָנאַלער און שול-יוגענד. גלייכצייטיג ווערט אויך געפיהרט ווערען אַן אַקציע פאַר'ן „ספר-הזהב".

* * *

מאָרגען אָוועגד קומט פאָר אין „הזמיר"-זאַל אַ פייערליכע יוגענד-אַקאַדעמיע לכבוד די מיטגלידער פון דער א"י-דעלעגאַציע.

רעגיסטראַציע פון יאָהרגאַנג 1908.

היינט דאַרפען זיך רעגיסטרירען אַלע געבוירענע אין 1908 י. וועלכע וואוינען אין 3. פּאָליציי-קאָמיסאַריאַט און זייערע פאַמיליען-נעמען הויבען זיך אָן מיט די בוכשטאַבען:

H. Ch. I. J. K.

די רעגיסטראַציע קומט פאָר אין לאָקאַל פון מיליטעריש-פּאָליצייאישע ביוראָ ביים מאַגיסטראַט (פּיעטרקאָווער 212) און קומט פאָר פון 8.15 ביז 1 אַ זייגער בייטאָג.

ביים רעגיסטרירען זיך דאַרפען מיטברענגען אַ פּאַס מיט אַ פאָטאָגראַפיע, אָבער אַן אַנדער דאָקומענט וואָס בעשטעטיגט די אידענטישקייט פון דער פּערזאָן. פאַר נישט מעלדען זיך צו דער רעגיסטראַציע דראָהט אַ שטראָף.

פּערזאָנען מיט „קאַרטאַ-פּאָביטו" דאַרפען זיך אויך רעגיסטרירען.

יאָהרגאַנג 1907 ווערט גערופען אין מיליטער.

(מ) ווי מיר דערוויסען זיך האָט די מיליטער-אָפּטיילונג פון מאַגיסטראַט אָנגעהויבען אַרויסצושיקען „קאַרטי-פּאָוואָלאַניעס" די יונגעלייט פון יאָהרגאַנג 1907, וועלכע זענען אָנערקענט געוואָרען פאַר פעהיג צום מיליטער-דינסט, נישט אַלע אָבער האָבען בעקומען די קאַרטעס, ווייל פיל וועלען ערשט גערופען ווערען אין צווייטען טורנוס. ס'איז ווינשענסווערט, אַז יעדער פּאָבאָראָווע פון דערמאָהנטען יאָהרגאַנג זאָל זיך ווענדען אין מיליטעריש-פּאָליצייאישען ביוראָ פון מאַגיסטראַט, כדי זיך צו דערוויסען, צי ער האָט נישט בעקומען קיין „קאַרטי פּאָוואָלאַניע" על פּי טעות, צי ער וועט נישט גערופען ווערען אין צווייטען טורנים.

10-יעהריגע אומאָפּהענגיגקייט-פייערונג.

(מ) מאָנטאָג איז אין לאָקאַל פון שטאָדט-ראַט פאָרגעקומען אַ זיצונג וועגען פעסטשטעלען די פייערליכקייטען אין צוזאַמענהאַנג מיט'ן 10-יעהריגען יובילעי פון דער פּוילישער אומאָפּהענגיגקייט, צו דער זיצונג איז אויך איינגעלאַדענט געוואָרען דער פּרעזעס פון דער יודישער קהלה ראַטמאַן מינצבערג.

ס'איז בעשלאָסען געוואָרען מיט אַלע מיטלען זיך בעמיהען, אַז לכבוד דעם יובילעאום זאָל געעפענט ווערען אין לאָדז אַ הויך-שול. ווייטער זאָל די לאָדזער זעלבסט-פערוואַלטונג געבען אַ פאָנד פון 25 טויזענד זלאָטיס אַ יאָהר פאַר דעם יתומים-הויז נאָך געפאַלענע זעלנער. צום סוף איז אויך בעשלאָסען געוואָרען איינצומויערען געדענק-טאָוולען אין די לאָדזער בתי-תפלות מיט די נעמען פון די געפאַלענע פאַר דער פּוילישער אומאָפּהענגיגקייט.

אין די אַפּטייקען

היינטיגע נאַכט-דיזשורען.

(2) היינט ביינאַכט דיזשורירען פאָלגענדע אַפּטייקען: ליפּיעץ, פּיעטריקאָווער 193; ע. מילער, פּיעטריקאָווער 46; גראָשקאָווסקי, קאָנסטאַנטינער 15; פּערלמאַן, ציגעל-גאַס 64; ניעוויאַראָווסקאַ, אַלעקסאַנדראָווסקאַ 37 און יאַנקעלעוויטש, אַלט-שטאָט 9.

„אַרט"
זאַכאָדניאַ 43

יודישער קאַמער-טעאַטער
לייטונג: מ. בראָדערזאָן.

היינט און טעגליך פאָרשטעלונג: אָנהויב פּינקטליך 9.30 אָוו.

„משיח געהט!"...

1. פּראָלאָג
2. משיח געהט !...
3. קהלת
4. קאַרטן (באַלאַדע)
5. שאַ, שטיל
6. שמידען
7. שאַכנע-יאַכנע
8. פּעטש
9. פריילין מייסעל
10. מ'הוליעט

די קאַסע איז אָפען טעגליך פון 6 אָוונד, שבת פון 1—5 נאָכמיטאָג און פון 7 אין אָוונד

הנחה-בילעטען גילטיג מאָנטאָג, דינסטאָג, מיטוואָך און דאָנערשטאָג.

ערב די קראנקען-קאסע-וואהלען.

(—) מאָנטאָג האָט מען שוין אָנגעהויבען אריינטראָגען קאַנדידאַטען-ליסטעס פאַר די וואַהלען צום ראַט פון די קראַנקען-קאַסע.

אַלס ערשטע האָבען אַריינגעטראָגען זייער ליסטע פון דער אַרבייטער-קוריע די „אַרבייטס-איינהייט" (יעדנאָשטש ראַבאָטניטשאַ) און האָבען בעקומען דעם נומער 1. בראש פון דער ליסטע געהט דער מויערער לוקאַש סטאַלאַנעק.

נאָכדעם איז אַריינגעטראָגען געוואָרען די ליסטע פון סאָציאַליסטישען בלאָק. די ליסטע האָט בעקומען דעם נומער 2. אַלס ערשטע קאַנדידאַטען פיגורירען ס. וואָידאַן (פ.פ.ס.), ד״ר וועלינסקי (פ.פ.ס.), איגזש. צערבע (דייטשע סאָצ.), פ. קאַלוזשינסקי (פ.פ.ס.), ש. מילמאַן (בונד), פּורטאַל (פ.פ.ס.), וואַלטשאַק (פ.פ.ס.), לאַווניק קוק (דייטשע סאָצ.) א.אַ.וו.

נומער 3 האָט דערהאַלטען די ליסטע פון די כ.ד. מיט לאַווניק אַדאַמסקי בראש; ליסטע נומער 4 האָט בעקומען די ליסטע פון „אומפּאַרטייאישען יודישען אַרבייטער-בלאָק" מיט ל. יאַקובאָוויטש בראש (די ליסטע איז אַ פיקטיווע). נומער 5 האָבען בעקומען די רעכטע נ.פּ.ר. מיט ל. פּאַוואַנזקי בראש און נומער 6 האָבען בעקומען די לינקע ג.פּ.ר.

מעהר קיין ליסטעס זענען דערווייל נישט איינגעפלאָסען. פון דער אַרבייטסגעבער-קוריע איז דערווייל נאָך נישט איינגעפלאָסען קיין איין ליסטע.

—=:§:=—

31-יעהריגער יובילי-פייערונג פון „בונד"

צוליב דעם 31-טען יאָהר-טאָג זייט דער גרינדונג פון „בונד" איז אין „פילהאַרמאָניע" פאָרגעקומען אַ קאָנצערט-מיטינג, איינגעאָרדענט דורך דער לאָדזער אָרגאַניזאַציע פון „בונד". צום מיטינג איז געקומען אַ זעהר גרויסער אַרבייטער-עולם, וועלכער האָט אָנגעפילט דעם זאַל ביז'ן לעצטען פלאַץ.

דעם מיטינג האָט געעפענט דאָזאָר פערגאַמענט, וועלכער האָט אָנגעוויזען אויף דעם גרויסען וועג, וואָס דער „בונד" האָט אַדורכגעמאַכט זייט דער גרינדונג ביז היינט.

די פעסט-רעדע האָט געהאַלטען ראַטמאַן ליכטענשטיין. ער האָט אָנגעוויזען אויף דער פינסטערניש, וואָס האָט געהערשט אויף דער יודישער גאַס און אויף דער גרויסער קולטור-אַרבייט און גרויסען קאַמף פון „בונד". ווייטער האָט ראַטמ. ליכטענשטיין אָנגעוויזען אויף דעם העראָאישען קאַמף פון די מאַרטירער פון די יודישע אַרבייטער-בעוועגונג, ער האָט גערופען צו ווייטערדיגער אַרבייט אין קאַמף לטובת די יודישע אַרבייטער.

נאָכדעם ווי אַ קוואַרטעט פון לאָדזער פילהאַרמאָנישען אָרקעסטער האָט געשפילט פערשידענע קאָמפּאָזיציעס האָט די שלוס-רעדע געהאַלטען דאָזאָר א. ל. זעלמאַנאָוויטש.

ס'האָט בעגריסט די פייערונג אַ מיטגליד פון „סקיף" און די פערזאַמעלטע האָבען אויך אַוועקגעשיקט אַ בעגריסונג צום קראַנקען בונדישען פיהרער בייניש מיכאַלעוויטש.

אין אָוועגד איז פאָרגעקומען אַ באַנקעט. דער זאַל איז געווען דעקאָרירט מיט פּאַרטיי-פאָהנען. ראַטמענער: פּאָזנאַנסקי, ליכטענשטיין און דאָזאָר זעלמאַנאָוויטש האָבען געהאַלטען רעדעס, און דער עולם האָט זיך נאָכדעם געווײַלט ביז טאָג.

באַהן-ענינים פון דער שטאָט לאָדז.

(ע) פרייטאַג איז פאָרגעקומען אין קאָמוניקאַציע-מיניסטעריום אַ זיצונג פון קאָמיטעט פאַר די נייע באַהנען-בויאונגען ביי דעם מלוכה'שען באַהן-ראַט.

צ. אַ. איז אויפ'ן לעצטען פונקט פון דער טאָג-אָרדנונג געשטאַנען דער דרינגענדער פאָרשלאַג פון לאָדזער מאַגיסטראַט וועגען בויען אַ משאות-סטאַציע אין ווידזעוו.

ווי בעקאַנט האָט בשעתו דאָס מיניסטעריום נישט געהאַלטען דעם אָפּמאַך צווישען מיניסטער יורקעוויטש און לאָדזער מאַגיסטראַט. די שטאָט לאָדז האָט, נעמליך, געגעבען די שטחים און דאָס מיניסטעריום האָט זיך פערפליכטעט צו בויען אַ וואַגזאַל, און דערמיט צו בעשעפטיגען אַ גרעסערע צאָהל אַרבייטסלאָזע.

די אַנוועזענדע אויף דער זיצונג פון קאָמיטעט האָבען געוואָלט דעם ענין אָפּלעגען אויף אַ חודש, אָבער אויף דער ענערגישער אינטערווענץ פון דעם פאָרזיצער פון לאָדזער שטאָט-ראַט איז די פראַגע פאָזיטיוו ערלעדיגט געוואָרען, און צו דעם צוועק איז פעסטגעשטעלט געוואָרען אַ נ'ענטשפּרעכענדע סומע אין בודזשעט.

אין צוזאַמענהאַנג דערמיט פאָהרען היינט אַרויס קיין וואַרשאַ: פּרעז. זשעמינעצקי, וויצע-פּרעז. ראַפּאַלסקי און איגזש. האַלצגרעבער וועגען פערשנעלערען די אַרבייטען, און וועגען ערלעדיגען אַנדערע אַקטועלע באַהן-ענינים.

—=:§:=—

פאַלשע קלאַנגען, אַז ניקאָלאַים שוועסטער געפינט זיך אין לאָדז.

נעכטען פאַרנאַכט האָבען זיך אין לאָדז פערשפּרייט קלאַנגען, אַז אין אונזער שטאָט געפינט זיך די שוועסטער פון געוועזענעם רוסישען צאַר ניקאָלאַי.

אונזער מיטאַרבייטער, וואָס האָט זיך פעראינטערעסירט מיט'ן קלאַנג, האָט אויסגעפאָרשט דעם ענין און האָט פעסטגעשטעלט פאָלגענדעס:

די פרוי שטאַמט פון דער רוסישער קעניגליכער פאַמיליע. זי הייסט קירא וולאַדימיראָוונא אַ טאָכטער פון אַ גרויספירשט און אַ פרוי פון אַ רוסישען גענעראַל, אַ געוועזענעם פּראָפעסאָר פון דער מיליטערישער אַקאַדעמיע, וועלכער איז געווען אינטערנירט אין אַ פוילישען געפאַנגען-לאַגער און איז זייט 1924 בעפרייט. זיי וואוינען אין אַ שטעטעל נישט ווייט פון לאָדז. דאָרט האָט זיך די גרויס-פירשטען איינגעאָרדענט און זייט 2 יאָהר קומט זי אָפט צו פאָהרען קיין לאָדז אין האַנדעלס-ענינים.

בעמיש-באַקטעריאָלאָגישע לאַבאָראַטאָריע
מאַגיסטער נ. שאַץ
פּעטריקאָווער 37, 2. שט., פראָנט.
אַנאַליזען פון קאַל, אורין, לייכעך א. אַ. וו.
אורין-אַנאַליז – 4 זל.

צוויי „אינטערנאַציאָנאַלע קאָנגרעסען."

פאַרלעזונג אין „פילהאַרמאָניע"

שבת קומט פאָר אין „פילהאַרמאָניע"-זאַל אַ קאָלעקטיווע פאָרלעזונג, וועגען די צוויי אינטערנאַציאָנאַלע אַרבייטער-קאָנגרעסען, וועלכע זענען ערשט נישט לאַנג פאָרגעקומען אין אייראָפּאַ.

אַלס רעפערענטען טרעטען אַרויס ראַטמ. ליכטענשטיין, דער וואַרשאָווער בונדישער לאַווניק וויקטאָר אַלטער און י. האַלפערן. די פאָרלעזונג אויף דער טעמע, וועלכע איז דערווייל די ערשטע אין אונזער שטאָט, האָט אַרויסגערופען אַ שטאַרקען אינטערעס.

פרעמיערע
פון טעאַטראָ דעאַי פּיקאָלי.

נעכטען איז אין „ספּלענדיד" פאָרגעקומען די ערשטע פאָרשטעלונג פון איטאַליענישען „טעאַטראָ דעאַי פיקאָלי". אין יסוד פון דעם דאָזיגען אָריגינעלען טעאַטער ליגען די אַלגעמיינע בעקאַנטע מאַריאָנעטען שפּילען, אָבער די פאָלקסטימליכע און פּרימיטיווע מאַריאָנעטען זענען דאָ מאָדערניזירט, פערפולקאָמט און אויסגעשטאַט מיט דעם גאַנצען רייכען אַרסענאַל פון דער היינטיגער טעאַטער-טעכניק און פון אַלע טעאַטער-עלעמענטען, ווי מוזיק, סצענישע שפּיל, דעקאָראַציעס א. אַז. וו. די מאַריאָנעטען זענען אַזוי קינסטלעריש אויסגעפיהרט, זייערע בעוועגונגען, זייער שפּיל איז אַזוי נאַטירליך, אַז עס שאַפט זיך אַ פולשטענדיגע טעאַטער-אילוזיע.

די פאָרשטעלונג האָט צוגעצויגען אַ פולנעפּאַקטען זאַל, און דאָס פּובליקום האָט מיט בעגייסטערונג אויפגענומען די אויפפיהרונגען פון די קינסטליך-קינסטלערישע אַקטיאָרען.

היינטיגער לעצטער אויפטריט פון בעני אדלער

(—) היינט קומט פאָר אין „פילהאַרמאָניע" דער לעצטער אויפטריט פון אַמעריקאַנער גאַסט-ראָלער בעני אַדלער. אַדלערס גאַסטראָלען זענען אין לאָדז אַראָפּ מיט דעם גרעסטען ערפאָלג און דער קינסטלער האָט מיטגעריסען דאָס פּובליקום מיט זיינע קרעאַציעס אויף דער ביהנע. צו דער אָבשידס-פאָרשטעלונג ווערט געגעבען דאָס סענסאַציאָנעלע שטיק פון פיינמאַן „20 יאָהר אונטער די ערד". די לעצטע פאָרשטעלונג פון אַדלער'ן וועט זיך צוציהען אַלע סימפּאַטיקער פון יודישען טעאַטער.

ציהונג פון דער מלוכה-לאָטעריע

5. קלאַס 29-טער טאָג.

2.000 זל. נומערן 56829 90922.

1.000 זל. נומערן 1586 33690 52166 61584 66618 66648 73137 79884 96122 103392 107209 119000 150458 150935 151074.

600 זל. נומערן 1164 6320 22542 30712 33665 35669 45105 47564 60161 62672 62918 63787 70998 78477 89391 105454 111782 111947 112452 116672 121627 128660 147733 151596 152075 154838

טעלעגראַמען.

ערב שפּאַלטונג אין פּ.פּ.ס.

גרופּע פון דעפּ. יאַוואָראָווסקי זאָל אויסגעשלאָסען ווערען פון דער פּאַרטיי.

וואַרשאַ, 9 (אַ.וו.) ווי מיר ווערען געוואויר, איז אַ שפּאַלטונג אין פּ.פּ.ס. אַ פראַגע פון די נאָהענטסטע טעג. אויף דער צונויפגערופענער זיצונג פון צענטראַלען אויספיהר-קאָמיטעט זאָל דעפּ. יאַוואָראָווסקי און זיינע אָנהענגער ענטגילטיג אויסגעשלאָסען ווערען פון דער פּאַרטיי.

יאַוואָראָווסקי'ס גרופּע האָט שוין איינגעגעבען אין וואַרשעווער רעגירונגס-קאָמיסאַריאַט וועגען אַ קאָנצעסיע אויף אַ'אייגענעם אָרגאַן „פּשעדשוויט" וואָס זיין אויפגאַבע וועט זיין צו בעקעמפען דעם „ראַבאָטניק".

שרעקליכע בוי-קאַטאַסטראָפע אין פּראַג

פּראַג, 9 (ספּ. טעל.) דאָ איז איינגעפאַלען אַנ'8-שטאָקיג הויז, וואָס מ'האָט געהאַלטען אין מיטען בויען. 35 שווער פערוואונדעטע האָט מען שוין אַרויסגעצויגען פון אונטער די חורבות; וויפיל מענשען עס זענען אומגעקומען איז נאָך נישט בעקאַנט, ווייל די רעטונגס-אַקציע איז זעהר אַ שווערע. בעת דער קאַטאַסטראָפע האָבען זיך אויף די רושטאָוואַניעס און אין הויז געפונען צעהנדליגער אַרבייטער און אינזשינירען.

דער לעצטער טאָג פון מאַריאַוויטען-פּראָצעס.

היינט דאַרף זיין דער אורטייל.

פּלאָצק, 9. (אַ.וו.) היינט האָבען זיך אָנגעהויבען די רעדעס פון די צדדים אין פּראָצעס געגען אַרכיעפּיסקאָפּ קאָוואַלסקי. פאַר'ן געריכטס-בנין האָבען זיך פערזאַמעלט מאַסען מענשען, וועלכע האָבען נישט געקענט אַריין אין זאַל. עס איז פאָרגעקומען פאָלגענדער אינצידענט. ווען ס'איז אָנגעקומען דער מאַריאַוויטישער גלח קאָרווין-שימאַנאָווסקי, האָבען זיך עטליכע פרויען געוואָרפען פאַר איהם אויף די קניען. דער גלח האָט צוגערופען אַ פּאָליציאַנט, ערקלערענדיג מיט אויפרעגונג, אַז דאָס איז אַ פּראָוואָקאַציע. די פרויען האָט מען לעגיטימירט,— זיי האָבען זיך אַרויסגעוויזען פאַר מאַריאַוויטקעס.

דער ערשטער האָט גערעדט דער פּראָקוראָר ראַנגאַווסקי. זיין רעדע האָט נישט געמאַכט קיין בעזונדערען איינדרוק. אין יוריסטען-קרייזען האָט מען געזאָגט, אַז אַזאַ בעשולדיגונגס-רעדע האָט מען געראָרפט איבערגעבען אַ געניטערען פּראָקוראָר.

דאַן האָט גערעדט דער ערשטער פערטיידיגער, פון בעשולדיגטען, אַדוו. גלובטשעווסקי.

מאָרגען וועלען רעדען די איבריגע פערטיידיגער און עס וועט אויך וואַהרשיינליך אַרויסגעטראַגען ווערען דער אורטייל.

לעטשניצע פון דאָקטוירים ספּעציאַליסטען
און דענטיסטישער קאַבינעט.
בזשעזשינער 11, טעלעפאָן 37-63
אָפען פון 9 פריה ביז 7 אָוונד.

ד״ר וואָלינסקי	נאָז, האַלז, אויערען קר.	4—3
ד״ר קערשנער	קינדער קראַנקהייטען	11-9 3-4½
ד״ר שיפּמאַן	אינערליכע קראַנקהייטען	1—11
ד״ר לוביטש	הויט און געשלעכט-קר.	1½—12½
ד״ר שמירגעלד	נערווען און גייסטיגע קר.	2—1
ד״ר גאָלדבלאַט	אויגען-קראַנקהייטען	½—12½
ד״ר עליאַסבערג	כירורגישע קראַנקה.	2—1
ד״ר בערגמאַן	פרויען און געבורטס-הילף	4—3

פּמובאַ-מעראַפּיע, שוואַן-יעטערונגען ווי שטאַמלען א. א. וו. פּאָקען-שמער, קינסטליכע בערג-זונ-בעשטראַהלונג א״נשפּריצונגען, מאַסאַזשען. עלעקטריזאַציע, אָפּעראַציעס, אויף פערלאַנג — ריזיטען אין שטאָט. — אין לאַבאָראַטאָריום ווערען אָנגענומען אַלע אַרט אַנאַליזען, ווי אויך פלעגמאַ און בלוט
אימפּונגען געגען שקאַרלאַטין.

ד״ר ראָזשינסקי סטאָ-אָפּאָלסקאַ
צאָהן-אַרצט 10—1 3 6
קינסטליכע ציין, קראָנען, מאַסטען א. אַ. וו.

די לעטשניצע איז אויך טעטיג זונטאָג.

לעטשניצע פון דאָקטוירים הספּעציאַליסטען
און ערצטליך-דענטיסטישער קאַבינעט
זגיערסקאַ 17 טעל. 16-33.

ד״ר ראַקאָווסקי	נאָז האַלז, אויערען קר.	11—10 3—2 7—6
ד״ר רוזשאַנער	הויט און געשלעכטס קר.	11—10 2—1
ד״ר גאָלדשטיין-פּאָלאַק	אויגען-קראַנקהייטען	2—1 6—7
ד״ר יוסטמאַן	נערווען קראַנקהייטען	12—2
ד״ר ראָזענצווייג	קינדער-קראַנקהייטען	10—12 4—3
ד״ר פּאַפּיערני	פרויען און געבורטס-הילף	11½-1 5—6
ד״ר קאַנטאָר	כירורגישע-קראַנקהייט.	4-5 און 1—2
ד״ר ווייגבערג	אינ. הערץ, לונגען-קר.	11-1 5½—7
ד״ר טאָמאַל	רענטגען	10—12 4—6
א. גרודזינסקי	צאָהן-אַרצט	3—7
י. ראָזען	צאָהן-אַרצט	9—2

צאָהן-בעהאַנדלונג, באַלייכטונגען, קוואַרצן, קראָנען, מאַסטען א. אַ. וו.
ביי דער לעטשניצע איז געעפענט געוואָרען
אַ רענטגען-אינסטיטוט
היילונג פון הויט קראַנקהייטען פון קאָפּ (פּאַרך) מיט רענטגענשטראַהלען, פאַר בעשטראַהלונג און דורכלייכטונג, קוואַרץ-לאַמפּע, דיאַטערמיע, עלעקטריזאַציע, אַלע מעגליכע ענאַליזען. אַ קורס פאַר שטאַמלער.
אימפּונגען געגען שאַרלאַך (שקאַרלאַטין) פון 4—5 נאָכמ.
די לעטשניצע איז אויך אָפען זונטאָג.
וויזיט אין דער שטאָט.
ערצטליך-קאָסמעטיש. קאַבינעט
פּראָפ. מ. מאַרקוס נעהמט אָן פון 5—7 אָוונט

די טעקסטיל-אינדוסטריע מוז האבען אין לאדז איהר מעסע.

אויף דעם ארט, וואס ס'איז נאך מיט קנאפע הונדערט יאהר צוריק געווען בעדעקט מיט א וויארסטען-לאנגע שנור געדיכטע וועלדער, טיפע זומפען און אומענדליכע לאנקעס, וואו פון א גרעסערען מענשליכע ישוב איז אפילו קיין אנ-צייכעניש געווען צו מערקען, האט די מענשליכע איניציאטיוו, ענערגיע און עקשנות אוועקגעשטעלט א ים ריזיגע פאבריק-בנינים מיט א וואלד ביז צום הימעל גרייכענדע קוימענס. דאס גאנצע גע-ביט, אויף וועלכען ס'רוישען אומאויפהערליך ביי-טאג און ביינאכט ווי אין א גיהנם מיליאנען שטא-לענע מאשינען און ס'ווערען מיט דער הילף פון טייכען שוייס פון אנ'ארמעע מוסקולען און מתות אויף זיי געשאפען ריזיקע אוצרות געוועב ווערטען צוזאמען מיט'ן קאלאסאלען קאמפלעקס אזוי גערו-פענע הילפס-אינדוסטריע און האנדעלס-אונטערנעה-מונגען בילדען דעם לאדזער טעקסטיל אינדוסטריע-צענטער.

די פערשידענע - ארטיגע און פערשידענפאר-ביגע אויסארבייטונגען פון דער לאדזער טעקסטיל-אינדוסטריע דרינגען אריין טיעף אין אלע פער-װארפענע ווינקעלעך פון דער גרויסער פוילישער מדינה און טראגען זיך אויך ווייט ווייט איבער די גרעניץ-שלאבענס פון דער מלוכה. דערצעהלענדיג אומעטום וועגען גרויסען אויפטו און ברייטען פער-נעהם פון ארבייטענדען לאדז.

מעגען געוויסע שיכטען פון דער בעפעלקע-רונג און זייערע רעפרעזענטאנצען אין די געזעצ-געבערישע אנשטאלטען גרינדשעצען, אדער אונ-טערשעצען די בעדייטונג פון דער אינדוסטרי בכלל אין לאדזער טעקסטיל בפרט פאר דער עקזיסטענץ און ענטוויקלונג פון דער מלוכה, דער דערמאנטער ווירטשאפטליכער צווייג איז אבער פארט איינער פון די וויכטיגסטע ריגגלעך אין דער קייט פון דער פוילישער נאציאנאלער עקאנאמיק.

דארפען זיך דעריבער די אפיציעלע און גע-זעלשאפטליכע ספערען, ווי אויך די פערשטענדניש-האבענדע שיכטען פון דער בעפעלקערונג צו הערען צו די פערלאנגען און נויטען פון דער טעקסטיל-אינדוסטריע און ווי אמשנעלסטען אקעגען געהן איהרע ארויסגעשטעלטע דרינגענדע בעדערפנישען.

דאס מאל פאדערן מיר נישט, ווי תמיד, לאנג-טערמיניגע און קליינפראצענטיגע קרעדיטען און אויך נישט קיין בזונדערע צאל-הנחות פאר איהרע פערטיגע פראדוקטען אין רויהע שטאפען, נאר מיר ווענדען זיך מיט א פארשלאג צום מיניסטער פאר האנדעל און אינדוסטריע, אז ער זאל אויף זיך נעמען די איניציאטיוו איינצוארדנען אין לאדז רעגולערע סעזאן-מעסעס (סוף ווינטער פאר זומער-סחורות און סוף זומער פאר ווינטער-סחורות) וואו ס'זאל זיין קאנצענטרירט פאכמעניש און געשמאק-פאל אלע צווייגען פון דער געוועב-פראדוקציע נישט בלויז פון לאדז נאר אויך פון דער אומגע-גענד (זגערוש, אזארקאוו, אלעקסאנדער, פאביאניץ, זד. וואליע, זעלעוו) אזא אויסשטעלונג, וועלכע איז רייף, נויטיג און אויספיהרבאר, וואלט געגעבען א גענוי בילד פון דער געשיכטע פון דער לאדזער טעקסטיל-אינדוסטריע, געמאכט גלייכצייטיג א גלענצענדע פראפאגאנדע פאר דער לאדזער און פוילישער שאפונגס-פעהיגקייט, ערמעגליכט דאס אנקניפען דירעקטע בעציהונגען מיט די לאדזער פראדוצענטען און בכלל אריינגעבראכט א געוויסע אויפלעבונג אין די געשעפטליכע פערהעלטענישען פון דער טעקסטיל און אויך פון אנדערע צווייגען פון אונזער ווירטשאפט.

אויף דער אנגעצייכענטער אויפגאבע מאכען מיר בעזונדער אויפמערקזאם דעם נאטשעלניק פון אינדוסטריע-אמט ביי דער וואיעוואודזטווע, דעם ריהרעוודיגען און פערשטענדנישפולען אינזשעניער ה' בייער, און וואונטשען זיך, אז זי זאל געשטעלט ווערען אויף דער טאג ארדנונג פון איינער פון די נאהענטסטע זיצונגען פון די נייע קאנסטיטואירענדע אינדוסטריע- און האנדעלס קאמערן.

י. אינפעלד.

Dr. Z. Rakowski

ספעצ. פאר אויערן, נאז, האלז און לונגען-קראנקה
קאנסטאנטינער 9, טעלעפאן 27-81.
[illegible]

יורידישע עצות.

אין דער דאזיגער אפטיילונג גיט די רע-דאקציע פון „נייעם פאלקסבלאט" ענטווארטען אויף יורידישע פראגען, וואס ווע-רען צוגעשיקט שריפטליך פון אונזערע לעזער.

קופאן.

יורידישע אפטיילונג
פון „נייעם פאלקסבלאט".

[illegible]

גילטיג דעם 10-טען אקטאבער 1928

8207. א פעראינטערעסירטער לעזער פון מלינארסקא גאס.

זיהר ווערט געוואויר אין דער בוי-אפטיי-לונג ביים מאגיסטראט, צי אייער וואוינונג געפינט זיך אין דעם בנין, וואס איז אויפגעבויט געווארען אין 1924 יאהר. אויב יא, — אונטערליגט נישט אייער דירה דעם דעקרעט וועגען לאקאטארען-שוץ וויבאלד אזוי איז ממילא דערויף חל א קאנטראקט.

—:o:—

8208. א לעזער פון אלעקסאנדער גאס

8209. I. B. R. 6

8210. א לאקאטאר פון 1 שטוב מיט א קיך.

8211. א באשטאלטער שניידער נ' I. R. 12

8212. יי ראזענצווייג

וועגען אייערע ענינים דארפט איהר זיך פער-שטענדיגען פערזענליך מיט אונזער יוריסט, טעגליך פון 3—4 מיטפערנעגנעריג די צייטונג.

—:o:—

8213. ל. ב. פון לוטאמירסקא גאס.

דעם סופיט טינקעווען און צורעכט מאכען מוז אומבעדינגט דער הויזווירט אויף זיין חשבון.

8214. פייגא ג. פון קאלמא גאס

הגם דער ענין איז זעהר קאמפליצירט, פונ-דעסטוועגען וועט דאך דאס געריכט אייך מוזען בעפרייען, ווייל איהר האט דאס קינד וואס שטאמט פון אייער צווייטען אומגעזעצליכען מאן, נישט געקאנט אנדערש מעלדען, ווי נאר לויט אייער פריילינישען נאמען.

8214. 3 ד. 105

ס'איז נישט פערהאן קיין שום רעכטליכער גרונד צו פערבאטען א טאכטער אפצוקויפען אנ'-אומבעוועגלעך גוט ביי איהר פאטער. דאס, וואס די טאכטער איז נאך פריילידיג שטערט נישט די געזעצלעכקייט פון קויף אפמאך.

—:o:—

8215. ל-ן פון פיעפשאווא

קיין בפירוש'ער געזעץ צו צאהלען לויט אזא אדער אנדערען פראצענט-פוס איז נישט פערהאן. די געריכטען אין זייער טאג-טעגליכער פראקטיק האלטען זיך אויך נישט ביי קיין איינהייטליכער ליניע. לויט אונזער מיינונג דארף מען לאקאל בע-טראכט ווערען פאר א וואוינונג און דעריבער שיקט צו פאר'ן 3 קוואדראט 49 און פאר'ן לוי-פענדען קווארטעל 55 פראצ. א חוץ פאר די אויס-גאבען. ריזיקירען קאנט איהר נאר געריכטס קאסטען.

8216. א. ט-.

אין פרט פון פערזיכערען ארבייטער פון אומ-גליק-פאלען, טראקטירט דאס געזעץ א פרעמדען גלייך מיט אנ'ארטיגען בירגער.

—:o:—

8217. א פעראינטערעסירטער.

געוויס איז אנ'אונטערשיד פון קלאס. וואס שייך די לאדזער טורמעס ווערט לויט דער פער-ארדנונג פון יוסטיץ מיניסטער פון 22 יוני די טורמע אויף קאפערניקא פעררעכענט צו דער 1-טער קלאס און אויף גדאנסקא צו דער צווייטער קלאס.

—:o:—

8218. I. A.

אויב דער פערשטארבענער האט אייגענהענ-דיג אנגעשריבען דאטירט און אונטערגעשריבען די צוואה איז זי זעהן א צווייפעל גילטיג, סיידען ס'וועט ווערען אויסגעוויזען, אז אין קריטישען מא-מענט איז דער טעסטאטאר געווען נישט ביים קלא-רען שכל און דעם טעקסט פון דער צוואה האט ער אויסגעפיהלט אונטער א געוויסע פרעסיע.

Dr med. I. WAJNBERG

CEGIELNIANA 47, tel. 26-02

אינערליכע קראנקהייטען. ספעציעל פאר לונגען-און הארץ-קראנקהייטען, בעשטראהלונגען און קינסטליכע בערג-זון. אין דעריהיים פון 3-5 נאכמיטאג.

צוריקגעקעהרט.

געהיימנישפולער זעלבסטמארד.

(סוף)

ער האט איהר אנגעבאטען זיין צימער, וואו זי זאל געהן זיך אויסרוהען, און ער האט איהר אויך פערשפראכען צו העלפען איהר געפינען א בעשעפ-טיגונג, אויב זי וועט וועלען געהן ואויף אנ'אנדער וועג. איהר ערשטער פראגע איז דאן געווען, וואס ער וועט פאדערן פון איהר פאר זיין פריינדליכען אנבאט, און איהר פראגע איז דאן געלעגען א פי-טערער סארקאזם, וועלכען ער האט פערשטאנען. נאר ווען ער האט איהר פערזיכערט, אז ער פאדערט קיין זאך נישט פון איהר, און אז ער האט נישט דערביי קיין בייזע אבזיכטען, איז זי צו איהם געוואנגען. זי האט איהם אפילו געהעריג געגעבען צו מערקען אז זי האט שוין אין איהר יוגען לע-בען בעגעגענט א סך אזעלכע גוט-הערציגע מענער, וואס האבען זיך נאכהער ארויסגעצייגט פאר די ערג-סטע בעסטיעס, אבער דאך איז זי געווען גערן מיט איהם צו געהן, ווייל זי איז געווען מיד, קראנק און הונגעריג.

קומענדיג אהיים האט ער איהר געלאזט אַ-ליין און ער איז אוועק עפעס איינקויפען פאר איהר צום עסען. און ווען ער איז געקומען צוריק, האט ער געפונען קאכען א קעסעל וואסער, און זי איז אנטשלאפען געווארען אויף א שטול. ווען זי האט זיך אויפגעכאפט און איז דערזעהן מיט די פעקלעך סארדינעס, ווארשטלעך, און זעמעל, האט זי אנגעהויבען טאנצען פאר שמחה און זי האט זיך א וואָרף געטאן אויף די עסענווארג ווי א הונגעריגע חיה. זי האט עסענדיג, אביסעל דערצעהלט פון איהר לעבען, און אז איהר שטרעבונג איז צו געהן אויף דער ביהנע. זי האט איהם אויך מיט טרעה-רען געוויזען די בלויע צייכענס אויף איהר קערפער פון ברוטאלע מענערישע הענד, און זי האט איהם געבעטען, ער זאל איהר לאזען בלייבען אלס דינסט ביי איהם. ער האט איהר אבער געגעבען צו פער-שטעהן, אז דאס איז אונמעגליך. ער האט איהר געזאגט, אז זי קען דערווייל בלייבען ביז מאנטאג, ביז ער וועט צוריקקומען פון זיין רייזע אין דארף. ער האט איהר איבערגעלאזט א פונט סטערלינג, זי זאל האבען פארוואס זיך צו קויפען עסען דורך דער צייט פון זיין אבוועזענהייט, און ער האט [illegible], אז ווען ער וועט צוריקקומען, וועט ער [illegible] מיט האס איך ווייטער צו העלפען.

אבער ווי ערשטוינט איז ער געווארען, ווען ער האט דערזעהן ביי זיין צוריקקומען איהר טויטען העפטער צוזאמענגעדרעהט אויף די צוויי שטוהלען. ער האט ויינע אויגען נישט געקענט גלויבען, און ער איז באלד ארונטערגעלאפען צו זיין באלעבאסטע, נאכען מיט דער אבזיכט איהר די שרעקליכע נייעס צו דערצעהלען, און טאקע גלייך צוזיסען צו דער פאליציי, אבער ווען ער איז ארויסגעלאפען אין גאס, האט ער אינגאנצען פערלוירען דעם מוט, מורא האבענדיג פאר די אונאנגענעהמליכקייטען וואס וועלען קומען. ווען ער האט אבער דערוועהן אין די צייטונגען, אז מען האט דאס מיידעל ידענ-קענט, און אז מען זוכט איהם, האט ער זיך געמ-דענקט, אז ס'איז פיל גלייכער זיך [illegible] און זאגען דעם גאנצען אמת.

די מוטער קומט צו דער 2-טער אויספארשונג.

נישט אכטענדיג אויף דעם, וואס דעם מאנ'ס געשיכטע האט געקלונגען אזוי זאנדערבאר און כמעט אונגלויבליך, האט איהם דער ריכטער צו-פיל פראגען נישט געשטעלט. ער האט נאר דעם עדות געפרעגט, צי האט ער אזא טבע צו בע-פרייגדען פרעמדע אונבעקאנטע פרויען, וועלכע נויטיגען זיך אין שוץ און הילף. דער מאן האט געענטפערט, אז-יא. דאן האט איהם דער ריכטער געפרעגט, אויב עס איז תמיד זיין שטייגער א-וועקצוגעהן פון צימער דאן, ווען ער פרעגט אריין א פרוי, און איהר איבערלאזען אליין אין צימער? און אויך אויף דעם האט דער מאן געענטפערט יא. און ער האט ואגאר אויסגעפארערט זיין ווירי-טין, אז זי זאל בעשטעטיגען, אז עס האט שוין עטליכע מאל פאסירט, ווען ער האט זיין צימער אוועקגעגעבען אויף עטליכע טעג אדער וואכען צו פרויען, און יעדעס מאל איז ער אוועק פון צי-מער און זיי געלאזט אליין. די ווירטין האט עס בעשטעטיגט, און דער ריכטער האט זיך צופרי-דענגעשטעלט. דער ריכטער האט דאן בעאויפ-טראגט דער פאליציי, אז ביי דער צווייטער אויס-פארשונג זאל מען צושטעלען די מוטער פון מיידעל.

ביי דער צווייטער אויספארשונג איז שוין די שפאנונג פון עולם געווען פיל גרעסער, ווי ביי דער ערשטער. מען האט הונדערטער מענשען גע-מוזט צוריקשיקען, ווייל עס איז נישט געווען גענוג פלאץ אריינצונעהמען די אלע, וואס וועגען געקומען צו דער אויספארשונג, אבער די, וואס זענען יא אריין, האבען ביינעוואוינט א דראמאטישע סצענע: מיט א שטימע פון פערצווייפלונג און פערביטערונג האט די עלטערע מאכטער אנגעפאנגען איהר בעשולדיגונגס-רעדע, וואס האט געגרוילט יעדען צוהערער.

— אט די פרוי, — האט די טאכטער גע-זאגט, — וועלכע איז צו מיין שאנדע מיין מוטער, האט מיין יונגע שוועסטער געטריבען אויף די גאַ-סען צו פיהרען א לעבען פון שאנד, נאך איידער [illegible]

איהר צו פיהרען לערנען און העלפען אויפ'ן ריכ-טיגען וועג, ווי א מוטער דארף טון צו איהר טאכ-טער, האט זי איהר פערשטויסען פון זיך, און האט איהר לעבען אזוי פערביטערט, ביז זי איז אין אפגרונד געזונקען. מאראל, אנשטענדיגקייט און ערליכקייט האט ניט איהר א קליינע ראלע גע-שפילט, אזוי לאנג, ווי זי האט נאר געקענט האבען איהר ציהרונג, קליידער און פערגעניגען, און אויפ'ן וועלבען דורך האט זי אויך געפיהרט איהרע קינדער.

נאך מיין זעליגען פאטערס טויט, — האט די עדות'טע ווייטער דערצעהלט, — האט מיין מוטער געהאט צוויי אומגעזעצליכע קינדער, דאן האט זי אונז ענדליך געגעבען א שטיף-פאטער, און מען האט אונז, מיידלעך, פשוט אין גאס ארויסגע-ווארפען. מען האט אונז אוועקגעגעבען אין היימען און אין אנשטאלטען, וואו מען האט אונז קיין פרעקעל ליבע און צערטליכקייט נישט געצייגט, און מען האט איבער אונז נאר שטענדיג געהאל-טען א קאלטע אייזערנע האנד פון ריספיפלין. איך בין נישט געווען אזוי שעהן, אזוי לעבהאפט און אזוי טעמפעראמענטפול, ווי מיין אומגליקליכע שוועס-טער, און איך בין אויך געווען עלטער פון איהר, האב איך עס נאך געקענט אויסשטעהן און זיך אויסהיטען פון זינדיגען וועג. זי איז אבער געווען רייצענד און לוסטיג און האט די טויטליכע אנ-שטאלטען נישט געקענט אריבערטראגען. זי פלעגט זיך בעטען צו זיין ערגעץ געגעבען דער מוטער, אבער די מוטער פלעגט איהר נאר יאגען אין קאפעס און קלויבען, וואו זי זאל א סך געלד פערדינען. און אז מיין ארימע שוועסטערל פלעגט דער מא-מען ברענגען פרעזענטען, — האט די עדית'טע ווייטער געזאגט, — פלעגט די מוטער נישט פרעגען פון וואנען און ווי אזוי די פרעזענטען קומען צו איהר, און דאן איז זי געווען א גוטע טאכטער; אויב נישט, האט זי פון דער טאכטער נישט געוואלט וויסען, און עס האט איהר נישט געקימערט, צי זי לעבט, און ווי אזוי זי לעבט.

איך האב איהר געוואלט העלפען, — האט די פרוי ערדען מיט טרעהרען אויסגעשריגען, — איין גאט איז מיין עדות, אבער לײדער בין איך אליין דורך מיין ארימקייט געשטאנען ביים ברעג פון אפגרונד, און זי, מיין אומגליקליכע שוועסטער, איז שוין געווען צו טיף געזונקען, כאטש זי איז נאך קיין זעכצעהן יאהר נישט אלט געווען, ביז זי האט זיך ענדליך מיט א לייכטען טויט בעפרייט פון איהר שווערען לעבען. און דאס איז נאר צו פערדאנקען אט דער פרוי, וואס רופט זיך אונזער מוטער...

דורך דער צייט, וואס די טאכטער האט גע-רעדט, איז די מוטער געשטאנען מיט אנ'אראפגע-לאזטען קאפ און האט שטילערהייד געכליפעט. [illegible]

פערענטפערען. זי האט געלייקענט די אלע זאכען, אין וועלכע איהר טאכטער האט איהר אזוי גרויזאם בעשולדיגט, זי האט נאר מודה געווען, אז נאך דעם טויט פון איהר ערשטען מאן, האט זי גע-מאכט א לייכטזיניגען שריט און האט געבראכט שאנדע אויף זיך און אויף די קינדער. „אבער פאר דעם, — האט זי מיט א געוויין אויסגעשריגען, — האב איך טייער בעצאהלט". זי האט דאן גענומען דערצעהלען עפיזאדען פון איהר לעבען, וואס האבען געצייגט, אז זי האט געארבייט זעהר שווער אלס א קעכין אין א האטעל, כדי צו קענען פערזארגען איהרע קינדער, אבער זי האט דאס ענדליך געמוזט אויפגעבען און חתונה האבען א צווייטען מאל, און דער צווייטער מאן האט נישט געוואלט האבען קיין שטיפקינדער ביי זיך.

די מוטער האט אפילו געבראכט בריף פון דער פערשטארבענער טאכטער, צו צייגען, אז די טאכטער האט זיך אפט דורכגעשריבען מיט איהר אויף זעהר א ליבען און פריינדליכען אופן, אבער דער ריכטער האט שוין מעהר וועגען דעם נישט געוואלט הערען. ער האט ערקלערט, אז זיין אויפ-גאבע איז נאר אויסצופארשען די אורזאכען פון דעם טראגישען טויט, און, אונטער וועלכע אומ-שטענדען עס האט פאסירט. עס איז אבער נישט זיין אויפגאבע אריינצודרינגען אין דער פראגע פון מאראל און אנשטענדיגקייט פון וועלכען ס'איז צד. לויט'ן עדות זאגען פון די, וואס וועגען פאר איהם פארגעבראכט געווארען, איז דער ריכטער געווען זיכער, אז דאס מיידעל איז בעגאנגען זעלבסט-מארד אין אנ'אנפאל פון משוגעת, און אזוי האט ער דעם ווערדיקט ארויסגעטראגען.

אלע, וואס וועגען אין געריכט געווען, האבען געפיהלט ביי זיך, אז קיין אנדער ווערדיקט האט דא נישט געקענט זיין, נאר די שוועסטער פון דער פערשטארבענער איז מיט דעם ווערדיקט נישט צופרידען. זי האט געוואלט, מען זאל ארויסזאגען, אז די מוטער איז פעראנטווארטליך פאר עדנא'ס טראגישען טויט. די מוטער ווידער האט א גאנץ אנדער בקשה געהאט. זי האט גע-בעטען דעם ריכטער, אז מען זאל איהר אוועק-געבען דאס רויטע טולענע קליידעל, וואס איהר טאכטער האט פאר'ן טויט געטראגען, און איהר בקשה איז ערפילט געווארען.

אבער א סך פון די, וואס האבען נאכגע-פאלגט די סענסאציאנעלע געשיכטע, ווילען זעהר וויסען, ווער עס איז געווען דער געהיימער וואויל-טעטיגער מאן, וואס גיט אפ זיין צימער צו עלענדע און היימלאזע פרויען און גאסען-מיידלעך, און וואר-רום האט מען זיך אזוי שטארק בעמיהט ביי דער אויספארשונג נישט צופיל אריינדרינגען אין זיינע פערזענליכע אנגעלעגענהייטען. עס איז א סברה, [illegible]

דער אינצידענט בײם כותל-מערבי.

אנ'אפיציעלע ערקלערונג פון דער ארץ-ישראל-רעגירונג

ירושלים, (י.ט.א.) ווי מיר האבן שוין טעלע־גראפיש מיטגעטיילט, האט די ארץ־ישראל־רעגירונג פארעפענטליכט א אפיציעלן קאמוניקאט וועגן דעם אינצידענט ביים כותל־מערבי דעם פארגאנגענעם יום־כפור. אינ'ם דאזיגן קאמוניקאט ווערט צוו. א. געזאגט:

„דעם 23־טען סעפטעמבער האט די רעגירונג בעקומען אנקלאגעס פון די רעליגיעזע מוזולמענישע קרייז־פארשטעהער, אז ביים כותל־מערבי ווערט דורך יודען איינגעפיהרט א רייהע נייע איינריכטונגען ווי א מחיצה, נייע לאמפען, פיל דיוואנען און א פיל גרעסערער ארון־קודש, ווי געוועהנליך. ערב יום־כפור האט דער רעגירונגס פארשטעהער בעזוכט כותל־מערבי און האט פעראָרדענט, אז די מחיצה דארף אונבעדינגט בעזייטיגט ווערן, נאך פאר די מארגענדיגע תפילות; די פעראָרדנונג וועגן די לאמפען, דיוואנען און דעם ארון־קודש איז דער־וויל פערהאלטען געווארען. דער משמש האט איינגעשטימט צו בעזייטיגען די מחיצה מארגען פריה. צומארגענס האט זיך אבער די מאכט דער־וואוסט, אז דער משמש האט נישט געהאלטען זיין צוזאג און די מחיצה, איז נישט בעזייטיגט געווא־רען.

ווען דער פאליציי־אפיציר איז געקומען צום כותל מערבי, האבען איהם איניגע קהלה מיטגלידער ערקלערט, אז צוליב דער הייליגקייט פון יום־כפור האבען די יודען נישט געקענט בעזייטיגען די מחיצה. דאן האט דער אפיציר פעראָרדנעט די פא־ליציאנטען צו בעזייטיגען די מחיצה. די מתפללים, וועלכע האבען נישט געוואוסט וועגען די פריהער־דיגע פערהאנדלונגען, האבען געשטעלט א ווידער־שטאנד און דעריבער איז געקומען צום צוזאמענ־שטויס. די רעגירונג האט פון איהר זייט אנגעווי־זען די יודישע פארשטעהער, אז, שטיצענדיג זיך אויף די ערפאהרונגען פון יאהר 1922, און יאהר 1925, האבען זיי געדארפט זיך פערשטענדיגען

פריהער מיט דער מאכט, איידער זיי האבען איינ־געפיהרט די נייע איינריכטונגען. ביים כותל־מערבי איז נישט געווען אנוועזענד קיין איין יודישער פא־ליציי־אפיציר, ווייל זיי זענען בעפרייט געווארען אויף יום־טוב. די רעגירונג וועט איצט בעטראכ־טען צי עס איז געוואונשען, אז בעת די יודישע ימים־טובים זאל זיך ביים כותל־מערבי געפינען אויך א פעראנטווארטליכער יודישער פאליציי־אפיציר.

צום סוף ווערט ערקלערט אין קאמוניקאט, אז די בעזייטיגונג פון דער מחיצה איז נויטווענדיג. די רעגירונג בעדויערט אבער די אומשטענדען ביים אויספיהרען די דאזיגע פעראָרדנונג.

דער קאנטער־קאמוניקאט פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע אין ארץ־ישראל

וועגען דעם אינצידענט בײם כותל־מערבי.

ירושלים. (י.ט.א.) אלס ענטפער אויף דעם אפיציעלען קאמוניקאט פון דער ארץ־ישראל־רעגירונג וועגען דעם אינצידענט ביים כותל־מערבי, איז אויך ערשינען א קאנטרא־ערקלערונג פון דער ציוניסטישער עקזעקוטיווע אין ארץ ישראל. אין דער דאזיגער ערקלערונג ווערט אנגעוויזען, אז קאלאנעל קיש האט שוין אין זיין ערשטען פראָ־טעסט געגען דער האנדלונג פון ירושלים'ער דיסטריקט־קאמיסאר, ערקלערט, אז קיין שום אי־בערשרייטונגען פון סטאטוס־קווא קאנען נישט בע־רעכטיגען דאס בענוצען פאליציי צו אן אגרעסי־ווער אקציע אין אזא ארט און אזא טאג. אויך קיין שום פעהלערהאפטע האנדלונג פון משמש קאן נישט בערעכטיגען די האנדלונג פון פאליציי־אפיציר, וועמענס ערשטער פליכט איז געווען צו בעשיצען די יודען, כדי זיי זאלען נישט געשטערט ווערען, בעת די תפלות אום יום־כפור. אויף צו־מארגענס נאך דעם פאל האבען זיך ארויסגעזאגט אין דעם זין די פארשטעהער פון דער ציוניסטי־שער עקזעקוטיווע, פון רבנות־הראשית, ועד־לאומי און ועד־העיר אין ירושלים. די דאזיגע געשעהע־נישען האבען אויפגערעגט אלע טיילען פון ישוב, וועלכער פאדערט איינציג צו געפינען די רעכטליכע מיטלען אויף אזא לעזונג פון דער פראגע, וואס זאל אונמעגליך מאכען אין דער צוקונפט דאס איבער'חזר'ן זיך פון אזעלכע בעדויערנסווערטע אינצידענטען.

די קאמוניסטישע צייטונגען בעקלאגען זיך אויפ'ן וואוקס פון קלעריקאליזם.

מאסקווע, (י.ט.א.) דער „עמעס" האט פארעפענטליכט אנ'ארטיקעל וועגען וואוקס פון די חדרים און ישיבות אין סאוויעט־רוסלאנד. די דא־זיגע ערשיינונג ווערט אילוסטרירט מיט א רייהע צי־פערן. עס ווערט מיטגעטיילט, אז אין דער שטאט נעוועל איז פערהאן א ישיבה, וואו עס לערנען זיך 300 יודישע יונגעלייט, וועלכע ווערען בע־זארגט מיט עסען און סטיפענדיעס. אין סמאלאוויטש זענען פערהאן 5 חדרים מיט 75 קינדער, און עס איז אויך דא א ישיבה אין פעטריקאוו זענען פערהאן פינף חדרים מיט 45 קינדער, פון 7—14 יאהר. אין טשערווען זענען דא 5 חדרים מיט 40 קינדער. אין מינסק גיט מען די קינדער אין די חדרים עסען דריי מאל א טאג און די מלמדים האבען איינגעפיהרט נייע מעטאדען פון ארבייט: שפילען און זינגען. די מעהרסטע קינדער אין די חדרים, לויט ווי עס טיילט מיט דער „עמעס", זענען פון דער יודישער ארימקייט.

די צייטונג בעשולדיגט אויך די מלמדים, אז זיי שמייסען די קינדער. בעקלאגענדיג זיך אויף דעם וואוקס פון חדרים און ישיבות, זאגט די צייטונג, אז דאס קומט אפט פאר אויף דעם חשבון פון „פיאנערען און שילער פון דער יודישער ראַ־טען־שול".

יודיש טעאטער אין פילהארמאניע, נארוטאוויטשא 20.
אונטער דער לייטונג פון א. בעזמאן און א. קאמפאניעץ.
לעצטע געזעגענונגס־פארשטעלונג פון דעם אמעריקאנער סטאר בעני אדלער פאר זיין אפפאהרען נאך אמעריקא
און די ליבלינגע פון לאדזער פובליקום באריסאווא, ראבינאוויטש, בראנעצקי.
היינט, מיטוואך, ד. 10 אקט. 9 אווענד פרעמיערע! צום 1־טען מאל אין לאדז!
20 יאר אונטער דער ערד
סענסאציאנעל פיעסע אין 4 אקטען פון פיינמאן. הויפט־ראל „גרישא"—בעני אדלער.
עס נעהמט אנטייל (לויט א ב ; פ ר י ע ן): בעזמאן, באריסאווא, מאכאראווסקא, נערה, פאדערמאן, קאמפאניעץ. מ ע נ ע ר: אריעל, אייזענבערג, בראנעצקי, באלבירסקי, האמבורגער, מאכאראווסקי, מאטקאוו, נייהויז, פאלאנסקי, ישראל קאמפאניעץ, ראבינאוויטש, ראקאוו.
אדמינ.: מ. ארנוואלד, מוזיק. לייטונג: ל. זעלמאן. בילעטען אין פילהארמאניע־קאסע.

Dr. med.
R. STUPEL
צוריקגעקערט.

הלואי ערגיץ אנדערש נישט ערגער.

(ענדע פון דער 3־טער זייט).

מעם פאריזער קארעספאנדענט איז געווען רעגריך היינע. דער לעצטער איז דאס געווען דער פערמיט־לער צווישען מארקס'ן, וואס האט געזאגט אין לאנדאן, אז דער בערלינער יודישער געזעלשאפט. דער פאקט, אז היינע האט איבערגעריסען זיינע בעציהונגען מיט די יודען און אז ער פלעגט אויס־לאכען דעם סאציאליזם שטערט נישט דעם מחבר אויפצובויען זיין פאנטאסטישען שלאס.

מיר האבען אויך אין פראנקרייך פאטענטירטע רוסישע אנטיסעמיטען, וועלכע האבען זיך גענומען שרייבען אנטי־יודישע ביכער אין פראנצויזיש און אזוי שאפען אנ'אנטי־יודישע שטימונג צווישען פראנ־צויזישער פובליקע, אמת, זייערע ביכער ווערען ווי־ניג געלייענט, אבער זיי דינען אלס קוואל פון אנטי־סעמיטישען מאטעריאל פאר פראנצויזען פראפעס־יאנאלען.

אט, למשל, ווענען מיר בעריכט געווארען מיט א בוך פון בעקאנטען יודע־פרעסער מארקאוו וועגען דער „קריג פון די געהיימע כחות", וואו צווישען אנדערע היסטארישע פאקטען ווערט דערצעהלט, אז דער „אליאנס איזראעליט" האט געגרינדעט אין 1897 דעם רוסישען „בונד"...

טרעפט, אז א פילם פאבריקאנט, דער יו־נאטאן, דארף מאכען פילם־בילדער פון דער בע־וואוסטער קירכע אין רייםס, לאדעט ער איין אז „קאטוילישע" ארטיסטען און שיקט זיי צום ארצי־בישאף קיין רייםס זיי זאָ לבעקומען די ערלויבניש צו פילמירען די קירכע. נאטאן נעמט די ערלויבניש נישט אויף זיין אייגענעם נאמען נאר אויף דעם נאמען פון זיין פערוואלטער, וועלכער איז א קריסט. אין א שטיקעל צייט ארום צוקריגט זיך נאטאן מיט זיין פערוואלטער, און יענער פערווערט זיין פריה־עריגען פאטראן צו בענוצען די רייםס־בילדער, וועלכע געהערען צו איהם. די ארטיסטען שטיצען דעם פערוואלטער, און ערקלערען, אז קיינמאל וואלט דער ארציבישאף נישט ערלויבט, אז די קירכע זאל פילמירט ווערען פאר א יודישער פירמע. ס'־האלט ביי א פראצעס, אין געריכט, אויף וועלכען דער ארציבישאף ווערט אויפגעפאָדערט ווערען אלס עדות. די טעאטראלע קריטיק האט זיך ארומגע־קוקט, אז דער פראנצויזישער טעאטער לעבט איבער א קריזיס. קיין ווירקליך גוטע פיעסע איז נישט געשאפען געווארען פאר די לעצטע יאהרען. ווער איז אין דעם שולדיג? — יודען! אזוי פסקנ'ט דער בעסטער טעאטראלער קריטיקער. יודישע דראמא־טורגען קאנען נישט טיף אריינדרינגען אין פראנ־צויזישען לעבען און שאפען אויבערפלעכליכע טעא־טער־שטיק, מיט וועלכע זיי פערפלייצען דעם פראנ־צויזישען טעאטער־מארק, דער אמת איז טאקע, אז אויף דריי פראנצויזישע אנגעזעהענע דראמאטור־גען זענען צוויי יודען. נאר מיט וואס איז פארטא־רישע'ס טעאטער ארער בערנשטיין'ס טעאטער נישט קיין פראנצויזישער און נישט קיין טיפער — איז א פראגע, אויף וועלכער קיינער קאן קיין ענטפער נישט געבען.

אט אזוי בעווייזט זיך דער אנטיסעמיטיזם פון צייט צו צייט מיט איינעם פון זיינע טויזענד פנים'־ער... ס'איז א גרימאסע, וואס סבעלייריגט זעהר ווייניג, ס'איז א לייכטער פיבער, וואס איז פערבליבען פון אנ'אמאליגער שווערער קראנקייט. פעסימיס־טען רירינגען, אז די קראנקייט קאן זיך איבער א נייעם אויפכאפען, כל־זמן איהרע לעצטע רעשטליך זענען נישט פערשוואונדען. דערווייל וואלט מען גע־מעגט וואונשען: „הלואי אין אנדערע לענדער נישט ערגער".

הערמאן.

פערקויפט צום טײוועל.

(ראמאן).

(49

קליין האט רעווידירט דאס הויז ביז איינס בייטאג, און לסוף געקומען צו דער איבערצייגונג, אז דער פאלקאווניק גווינט האט געמוזט זיין א שטיק משוגענער.

ווען ער וואלט געווען ביים פולען זינען, טא צו וואס וואלט ער זיך אזוי אויסבעהאלטען פאר א פרעמד אויג מיט זיינע מעשים? ער וואלט זיך דאך דאן נישט פערשלאסען איינער אליין אינ'ם פינסטערען צימער?! נישט דעקארירט איהם אויף אזא משוגענעם אופן!? און צו־וואס טויגען איהם די טייוועלשע מאסקעס מיט די געזיכטס־שטריכען פון דער פרוי ווייס?

איצט האט מען שוין נישט געדארפט צווייפ־לען, אז אויב דער פאלקאווניק איז אפילו נישט געווען דער הויפט־שולדיגער אין דעם מארד, האט ער דאך געהאט צו איהם א נאהענטע שייכות.

קליין האט בעפוילען דעם פאליציאנט צו אפהיטען דאס הויז, און אליין איז ער אין דער בעגלייטונג פון דעם פשאדאווניק און זאווישא'ן אוועק אויפ'ן פאליציי פאסטען.

ער האט געוואלט איבערגעבען מארטינען פערשידענע אינסטרוקציעס, און נאכמיטאג פארט־זעצען די רעוויזיע אין דעם פאלקאווניקס הויז.

אויפ'ן פאסטען האט שוין אבער אויף איהם געווארט א דעפעשע, וואס האט אינגאנצען גע־ענדערט זיינע פלענער.

די דעפעשע האט מיטגעטיילט פאלגענדעס:

„מינע איז פערשוואונדען געווארען. געפינען די שפורען איז אונמעגליך. טעלעגראפירט, וואס האט מען צו טון".

— — — — — — — — —

מארטען האט אוועקגעשיקט די דאזיגע דע־פעשע תיכף נאכדעם, ווי דער דיזשורירענדער פא־ליציי־בעאמטער אין דער פרוי ווייס'ס וואוינונג האט איהם טעלעפאניש מיטגעטיילט וועגען דער אויסטערלישער פאסירונג.

— איהר חבר'טע האט נישט געקאנט אוועק אין אויספארשונגס־אמט און אייך מתרה זיין—האט ראפארטירט דער דיזשורירענדער בעאמטער — זי וועט באלד קומען אהער.

— איך פאהר גלייך צו אייך! — האט מאר־טען געזאגט.

אנקומענדיג אין דער וואוינונג פון דער פרוי ווייס, האט ער געטראפען טאליען אינגאנצען פער־צווייפעלט און בעגאסען מיט טרעהרען.

זי האט זיך נישט געקאנט מוחל זיין, וואס זי האט נישט גוט אכטונג געגעבען אויף מינען.

מארטען האט זיך אין א קורצען שמועס דער־וואוסט די פרטים פון דער פערשווינדונג, און ער האט קיין הארץ נישט געהאט צו מאכען פאר־ווארפען טאליען.

— בערוהיגט זיך, פריילין! לאמ'ר נישט פטר'ן אומזיסט קיין צייט אויף פערגיסען טרעהרען. מיט טרעהרען וועט מען דא גארנישט העלפען. דאס בעסטע, וואס מיר קאנען טון לטובת איהר, איז זי וואס שנעלער צו געפינען. — דערצעהלט זשע מיר בעסער אלע פרטים און קלייניגקייטען, ביי וואס'ע־רע אומשטענדען דאס פריילין ווייס איז פער־שוואונדען.

טאליע האט זיך ביסלעכווייז בעהערשט, און אוועקזעצענדיג זיך ענטקעגען מארטענען האט זי אזוי גענוי און פינקטליך איבערגעגעבען ווי־אזוי די זאך איז פארגעקומען, אז ער האט נישט גע־האט אפילו א ווארט צו איבערפרעגען.

— געשעהן איז עס פאר העוזע'ס געשעפט אויף מארשאלקאווסקא גאס, איך בין אריין אינע־ווייניג, כדי צו קויפען עטליכע קלייניגקייטען. אריין בין איך גלייכצייטיג מיט נאך א סך מענשען, און צוקומענדיג אין מיטען פון געשעפט, האב איך זיך ארומגעקוקט, צי מינע געהט נאך מיר, צו מיין גרויס פערוואונדערונג איז מינע מיט מיר נישט געווען. דאס הארץ האט מיר גלייך געזאגט, אז דא איז עפיס נישט אין ארדנונג, און איך האב זיך געלאזט לויפען צום ארויסגאנג. פאר דער טיר איז אקארשט געשטאנען א גרויסער צוגעמאכ־טער אויטאמאביל, וואס איז באלד אפגעפאהרען, דורך דער שויב פון דעם אויטאמאביל האב איך דערזעהן מינע'ס הענד, איך בין איבערצייגט, אז מינע איז געווען אינעווייניג אין אויטאמאביל, מחמת זי האט נעטראגען א העל אויסגענייט קלייד, און האגען א מצות איז געווען אונמעגליך. איך בין צוגעלאפען צום אויטא, נאר דער שאפער האט מיך בעמערקט, און א לאז געטון דעם אויטא מיט'ן גאנצען כח, אין דעם מאמענט האט אנ'אנגע־שטעלטער פון מאגאזין בעמערקט, אז איך בין פריהער ארויסגעלאפען אין דרויסען, האט ער מיך חושד געווען, אז איך האב עפיס גע'גנב'עט — איז ער מיר נאכגעלאפען און געכאפט פאר דער האנד. ווען איך האב זיך פון איהם בעפרייט, איז שוין דער אויטאמאביל געווען ווייט.

— האט איהר צומאל נישט בעמערקט דעם נומער פון אויטא?—האט מארטען א פרעג געטון, שנעל פערשרייבענדיג טאליעס ווערטער.

— ניין! דער נומער איז געווען פערשפריצט מיט בלאטע; איך האב בלויז בעמערקט די סיגנע פון די היגע אויטא'ס!

— גוט, דאס איז שוין אויך עפיס! — האט מארטען צופרידען בעמערקט—א סימן, אז דער אוי־טאמאביל איז א פערערגיסטרירטער. מען וועט זיך דארפען אינפארמירען. קאנט איהר מיר אפשר אויך שילדערען, ווי דער שאפער האט אויסגעזעהן?

— דאס איז געווען א יונגערמאן פון א יאהר פינף און צוואנציג מיט קליינע שווארצע וואנ־סעלעך, און, ווייזט אויס, א הויכוואוקסיגער, הגם איך האב איהם געזעהן זיצען.

מארטען האט שנעל א הויב געטון דעם קאפ:

— ארנא שווארץ!

(פארטזעצונג קומט).

קלוב פון יוד. פרויען-פערבאנד
„ו.י.ז.א.“ אל. קאשטשושקי 21
היינט 9 א זייגער אָווענד וועט דער בעוואוסטער
פאַלעסטינער מוזיקער
מנשה ראַבינאָוויטש
האַלטען אַ פאַרלעזונג וועגען
יודישער מוזיק אין פאלעסטינא
און וועט אויפפיהרען אייניגע מאָמענטען פון
שאַפונגען פון בעוואוסטע יודישע קאָמפאָזיטאָרען.
איינגאַנג פאַר מיטגלידערינס און אריינגעפיהרטע געסט פריי.

בעזהשי"ת.
קול מבשר מהישיבה „אורחת חיים“
העומדת תחת השגחת האדמו"ר שליט"א מראַדזימין.
תלמידים מופלגים מיט אַ אויסגעצייכענטע הנהגה
קאָנען ווערען אָנגענומען טעגליך אין קאַנצעלאַריע
בבה"ח דראַדזימין אַנראַדאָווא 8 פון 11 – 3 נ"מ
ביז ר"ח חשון הבעל"ט. ועד הישיבה.

געלעגענהייט!!! צו פערקויפען אַ שניי-דער-ווערקשטעל
מיט גענצליכער איינריכטונג, עקזיסטירט פון 1922 יאָהר.
צו ערפאַרען אויפ'ן אָרט. אַלעקסאַנדראָווסקאַ 54, פראָנט.

אַכטונג! אַכטונג!
מענער-מאַגאַזין-אַרבייטער
(פראָווינץ)!
קומט נישט נאָך לאָדז, ווייל דאָ קומט פאָר אַ שטרייק
אין מענער-מאַגאַזין-פאַך, נאָכ'ן צוריקציהען די נאָכגע-
קומענע פאָדערונגען.
פ. ס. היינט, פונקט 9 פריה קומט פאָר ביי אונז
אין פעראיינס-לאָקאַל קאָנסטאַנטינער 26 אַ פערזאַמ-
לונג – וועגען די לאַגע אין שטרייק.
דער שטרייק-קאָמיטעט.

HEMOROIDY
STAN ZAPALNY · KRWAWIENIE
SWĘDZENIE

USUWA
HEMORIN-KLAWE

Dr. med. NIEWIAŻSKI
Sienkiewicza 34, tel. 59-40
ספעציאַליסט פאַר סיפיליס, טריפער און הויט-קראַנקהייטען.
בעהאַנדלונג פון מענער-שוואַכע.
נעמט אָן פון 5—9 אָוונט און זונטאָג און חגאות פון 11—1 מיטאָג.

אַכטונג ד"ר גוייזונג!!!
לכבוד יום-טוב
עמפפעהל איך אַ גרויסען אויסוואַהל פון:
קעלנישע בלומען-וואַסער 3.20 אַ קילאָ
וועזשעטאַל 1.40 „
ברילאַנטין 3.40 „
פראַנצויזישער לאַקיר 45 גר. אַ דעקאַ.
איך בעזיץ אַ רייכען אויסוואַהל פון ראַזיר-
מעסערס, פלאַטין- און שטאהל-זאַכען
צו פאַבריקס-פרייזען. מיט אַכטונג
י. דרוקער, זאַוואַדזקאַ 11.
טעלעפאָן 92-75.
בעמ.: פאַר ענגראָסיסטען – געהעריגער ראַבאַט
און גינסטיגע בעדינגונגען.

Dr. med.
J. HERSZFINKIEL
15 Zawadzka 15,
telefon 11-87
קינדער-קראַנקהייטען
נעמט אָן פון 8—10 פאַרם.
און פון 3—5 נאָכמיטאָג.

Dr. ADAM
GROSGLIK
Al. Kościuszki 27
tel. 51-78,
הויט און ווענערישע קראַנקה.
רענטגען און ליכט-הייל אינסט.
נעמט אָן פון 4—7 אין אָוונד
צוריקגעקערט

Ogłoszenie.

Magistrat m. Łodzi w wykonaniu uchwały Rady Miejskiej Nr. VIII z dnia 27 czerwca 1928 roku podaje do wiadomości osób zainteresowanych, że z dniem 15 października r. b. do przedkładanych Magistratowi do zatwierdzenia planów nowych budowli winny być dołączone dodatkowe plany elewacji domów frontowych w skali 1:50, do których po uzyskaniu zatwierdzenia obowiązani są ściśle się stosować właściciele budujących się w obrębie m. Łodzi domów oraz kierownicy robót.

W razie konieczności przeprowadzenia zmian elewacji względnie rozplanowania budujących się domów, plan tych zmian winien być przedłożony Magistratowi, celem ponownego rozpatrzenia i zatwierdzenia. —

Łódź, dnia 10 października 1928 roku.

LEKARZ DENTYSTA צאָהן-אַרצט
St. GELBERG
זאַכאָדניאַ 15, טעל. 08-31.
היילט גאַנץ פערנאַכלעסיגטע ציינער און מונד-קראַנקה.
צאָהן-ציהונג אָהן שמערצען, היילט מיט ליכט-בעשטראַ-
לונג, ספעציעלער לאַבאָראַטאָריום פון קינסטליכע צייהן.
נעהמט אָן פון 9 פריה ביז 7 אָוונד.

נאָך אַ לענגערער אָפוועזענהייט בין איך
צוריקגעקעהרט
און נעהם אָן אינטערעסאַנטען אין פערשידענע
געריכטס- און היפּאָטעקען-ענינים
משה פיינקינד פּיעטרקאָוו-טריב.
פילסודסקי 36.

טליתים-פאַבריק
אויסאַרבייטונג פון וואָלענע, האַלב-וואָלענע, זיידענע
טליתים כמו טערקישע, ווי אויך טליתים-קטנים, הורט און
דעטייל מיט אויספערטיגונג, אויך גאַרטלען, שפאַניעס
און ציצית, צו בעקומען ביליגער ווי איבעראַל
ביי א.ח. ציטרינאָווסקי, קאַמיענאַ 1.
אין 2. טויער, פאַרטער. קומט און איבערצייגט אייך!
בעמ.: ס'ווערען אויך אָנגענומען אַלטע טליתים צום וואַשען.

אויף ראַטעס!!!
אויבער-העמדער
און נאַכט-העמדער
פון פּאַפּעלין, זעפיר און אַנדערע שטאָפען
צו בעקומען אין דער ערשטקלאַסיגער פּראַצאָווניע פון
J. WOROBIEJCZYK
41. KILINKSIEGO 41

אל תתהלל ביום מחר!!
כי לא תדע מה ילד יום.
לייג נישט אָפּ אויף מאָרגען
נאָר, אַז דו דאַרפסט ערלעדיגען סאַנדאָווע זאַכען
זאָלסטו גלייך קומען צו לויפען אין ביוראָ
פעטריקאָווער 17 דורכגאַנג זאַכאָדניאַ 52
וואו ס'ווערט ערלעדיגט און געוויסענהאַפט געשריבען
לויט'ן אוסטאַוו אַלערליי ביטעס, קלאַוזולעס,
זאַבעזפּיעטשעניעס אויף אַלע שטעט אין פוילען,
אַפּעלאַציעס ציווילנע און קאַרנע אַפּאַ-
זיציעס, אַדוואַלאַניעס, רעקורסען וועגען
דירה אין זורזשאַנד-ראָזיעמטשי, וועגען פּעסער אין
קאָמיסאַריאַט-רזשאָנדו און אַלע פאָליציי-בעצירקען,
אַקטען אינטערציזיעס, אַקטע דאַראַ-
ווינעס, קאַרנע ספּראַוועס, ווי אויך אי-
בערזעצונגען אין אַלע שפּראַכען. כפעציאַליסט פון
שותפות-אַקטען. מיט אַכטונג
י. מאַנעלאַ רעכט-קאָנסולענט.

ביוראָ
טשריפט-
באַכבערג
פּאַנסקאַ 1
טעל. 36-77.
ערלעדיגט אַלע אַרט געריכטליכע און שטייער אַנגעלע-
גענהייטען אין אַלע אַמטען אויך אויף לאַדזער וואָיע-
וואָדזטווע רעיעל און פינקטליך.
בעמערקונג: וועגען פערשידענע שטייער-פראַגען
נעהם איך פערזענליך אָן צווישען 5—6 נאָכמיטאָג.

אַ נייהער
און אַ פאַמאַצניק ריכטע-
ווער ווערען געזוכט
ביים קאַמאַשען-שטעפער
ב. רייטשיק זגערזשער
44 אין טויער 1-ער שטאָק

3 צימערען!
און קוך מיט מעבעל
אויפ'ן ערשטען שטאָק איז
צוליב אַברייזע איבער-
צוגעבען. צו ערפאַהרען:
פּיעטריקאָווער 145
וו. 7 לינקע אָפיצינע ער-
שטער איינגאַנג. פערמיט-
לער אויסגעשלאָסען.

ס'ווערט געזוכט
אַ קוואַליפיצירטער
שטריקער-געזעלען
ווי אויך ניירינס ביי
דאַרעמבוים פּאַמאַר-
סקא 4.

ס'ווערט געזוכט
קראַפט-שפולערינס
ווי אויך האַנד-שפולערינס
און שטריקער-אַרביי-
טער זאָפאָרט צו מעל-
דען נאָוואָמיעסקא 26 ביי
מעשבערג

עס נויטיגט זיך
שטיק-אַרבייטער
און האַנדנייערינס ווי אויך
אַ לערן-יונגעל צו דאַמען
אָקרימשאַ ביי פּאַסטערנאַק
צעגעלניאַנא 43.

קוואַליפיצירטע
רעפעזירקעס
ווערען געזוכט ביי
מ. פינקעל פּולנאָצנאַ 12

סוויטער-
אַרבייטער
ווערען געזוכט אויף
ווסכאָדניאַ 59.

אַ קוואַליפיצירטע
פאָרהעמדער-
נייהערין
ווערט געזוכט ביי מיר-
טענבוים בזשעזינער 63

ס'ווערען געברויכט
2 רעפעזירקעס
געגען אַ העכערן לוין
— ביי דער פירמע —
מיראָוויץ, פּיעטריקאָ-
ווער 82, אין הויף, לינקס.

Dr. med.
W. EYCHNER
גינעקאָלאָג-אַקושער
זגערזשער 11.
טעל. 34-72
נעמט אָן פון 6—8 אָווענד.

Kino „Słońce"

ul. Napiórkowskiego 28 (dawniej St. Zarzewska).

Dziś! Od wtorku, dnia 9 do poniedziałku dnia 15 października 1928 r.

Najpotężniejszy film osnuty na tle wielkiej rewolucji pod tytułem:

MIŁOŚĆ
w purpurze krwi

Potężny dramat o tysiąca sensacji owiany czarem romantyzmu, pełny bohaterstwa i poświęcenia.

W rolach głównych najwybitniejsi artyści świata
Eleonora Boardman i Conrad Nagiel.

Początek seansów 5, 7 i 9, w soboty, niedzielę i święta początek o godz. 1, 3. 5, 7 i 9 wiecz.
Ceny miejsc: I — 80 gr. II — 60 gr III — 40 gr.
UWAGA! Ceny miejsc na wszystkie miejsca na I-szy seans o godz. 1—3 po poł. po 40 groszy.
Dojazd tramwajami 3, 4 i 7.

MIEJSKI KINEMATOGRAF OSWIATOWY
Wodny Rynek (róg Rokicińskiej) tel. 18-26
Dojazd tramwajami 16 i 10.

Od wtorku, dnia 9-go do poniedziałku, dnia 15-go października 1928 r. włącznie
dla dorosłych: **dla dorosłych:**

Danton i Robespierre
1789 Rewolucja Francuska 1795

Role główne kreują:
Emil Jannings, Werner Kraus, Józef Runicz, Charlotta Ander, Mały Delschaft i inni.
dla młodzieży: **dla młodzieży:**

LUDZIE SZAKALE
II serja filmu
„Żyd wieczny tułacz“
według powieści **Eugeniusza Suego.**
W poczekalniach kina codz. do g.22 audycje radjofonicz

וויכטיג פאַר מחותנים!
זאַל קאָלאָסעאום, זאַכאָדניאַ 53
איז צו פערדינגען אויף חתונות מיט די בעסטע נעפּעסען, פלאַטין
פּיש-צוגרייטונג, מיט אַלערליי בעקוועמליכקייטען אויף גינסטיגע
בעדינגונגען. אינפאָרמאַציעס פון 12—2 נאָכם. און פון 7—10 אָוו.
פּריוואַטע אינפאָרמאַציעס ערטיילט:
מ. קורעק, זשעראָמסקאַ 9 און י. דעמבינסקי, קילינסקי 15.

קאָלדרעס
וואַטענע און פּוכאָווע
פון דער שענסטער און בעסטער אויסאַרבייטונג
צו מעסיגע פרייזען צו בעקומען
נייע ציגעל גאַס 24, וו. 27.

פרויען און מעדלער אַלס
אינקאַסענטינס
ווערען געזוכט. צו מעלדען זיך אין פעראיין „לינת-
החולים“, פּאָלודניאָווא 19, פון 4—7 נאָכמיטאָג.

וויכטיג פאַר בעל-שמחות!
10 POŁUDNIOWA 10
איך באָרג אויס ערשטקלאַסיג געפּעס, פלאַטין,
טישען, בענקלעך, אַלע כלים שטרענג כשר
און זעהר ביליג. דער ערשטקלאַסיגער רעסטאָ-
ראַטער זאַל, לויט'ן אויסלענדישען סטיל, ווערט פער-
דינגען אויף חתונות מיט גוטע בעדינגונגען.
זאַל פּאָלודניאָווא 10, פּרידוואַלד.

Dr. med. M. KERSZNER
קינדער-קראַנקהייטען
נעהמט-אָן אין דער לעטשניצע אויף בזשעזשינער 11
בעראַטונג 4 זל.
נעהמט-אָן אינדערהיים פון 2 ביז 3 נאָכמיטאָג אויף
זשעלאָנאַ 16, טעל 96-51.

DR. med. DONCHIN
מאָניושקי 1
MONIUSZKI 1,
טעלעפאָן 9-97.
ספעציאַל-אַרצט פאַר אויגען-קראַנקהייטען
צוריקגעקעהרט קיין פוילען.
נעמט אָן טעגליך פון 10—1 מיטאָג און פון 4—7 נ.מ.
זונטאָג פון 10 ביז 1 בייטאָג.

אַבאָנעמענט-פרייז: פּרײַז טעקסט—15 גר. פריטאָג און ערב יו"ט—20 גר. אין דער זייט 7 ...
[illegible]
Za Wydawnictwo „Najer Folksblat", spółdz. z odpowiedz. udziałami [illegible]
Redaktor odpowiedzialny [illegible]
Czcionkami i drukiem „Najer Folksblat" [illegible]